STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03403

DI FROY IN DER HEYM, IN FABRIK, IN GEZELSHAFTLEKHN

Gina Medem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די פרוי

אין דער היים, אין פאַבריק, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן

פון

גינאַ מעדעם

„עס איז בעסער צו שטאַרבן גייענדיק,
איידער צו לעבן קריכנדיק."
—„לאַ פּאַסיאָנאַריאַ"
(שפּאַנישע רעוואָלוציאָנערע
אַרבעטער-קעמפערין).

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס-פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, אָקטאָבער, 1937.

Copyright by the
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE
of the Jewish Section of the
International Workers Order
80 Fifth Avenue
New York, 1937
209

געדרוקט אין 6,000 עקזעמפּלאַרן

די פרוי

אין דער היים, אין פאַבריק, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן

אַריינפיר

אין די פאַרנומענע שעה'ען פון טאָג, ווען מענטשן אַרבעטן, זעט מען אַ מאַסע פרויען אין די גאַסן, אין די סאַבווייס, רעסטאָראַנען, פאַר די פענצטער פון געשעפטן, אין די געשעפטן גופא, און אין וואַרעמע טעג — אין שטאַט־גאָרטנס און פאַרנדיק אין אויטאָמאָבילן.

ווער זיינען זיי? פון וואָס מאַכן זיי אַ לעבן? פאַרוואָס האָבן זיי צייט צו לויפן איבער די גאַסן, אָנצופילן די מאַטינעס אין די טעאַטערס און מואווים — בעת מיליאָנען אַנדערע מוזן זיצן איינגעבויגן איבער דער מאַשין אין פאַבריקן, בײַ ווערקשטאַטן, בײַ צוואַנגס־אַרבעט אין תפיסות, אויף די גאַסן און הינטערגעסלעך פאַרקויפנדיק בייגל און קעמלעך מיט נאָדלען—אויף ראַגן פון גאַסן באַנאַכט, היימלאָזע און אויסגעהונגערטע, אַרויסגעוואָרפענע פון דער אַרבעט, פאַרקויפנדיק זיך צוליב אַ שטיקל ברויט פאַר זיך, אָדער פאַר דער משפחה? ווער זיינען זיי?

די שטעלונג פון דער פרוי אין דער געזעלשאַפט, די פאַרשיידענע גרופּן פון פרויען, הויז־פרויען, אַרבעטער־פרויען, אָפיס־אָנגעשטעלטע — דאָס אַלץ איז אַ געוואַלטיקע אַרמיי — אַ גרויסע קראַפט, ווען זי איז אָרגאַניזירט, דיסציפּלינירט, סאָלידאַריש פאַראייניקט צווישן זיך און פעסט פאַרקניפּט צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן אין דעם קאַמף פאַר אַ געזונטער, גליקלעכער מעגלעכקייט צו לעבן.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן איז די גרויסע פּראָטעטאַר־נאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַראייניקט אין אירע רייען אַרום 137,000 מיטגלידער, צווישן זיי אַ 30,000 אידישע האָרעפּאַשניקעס, פאָלקס־מענטשן און זייערע פרויען. דאָס זיינען אַמאָליקע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַהער געקומען פון דער אַלטער היים און וואָס האָבן אין דער פּראָטעטאַר־נאַלער אָרגאַניזאַציע געפונען סיי מעדיצינישע הילף אין פאַל פון קראַנק־הייט, סיי אַ פאַרזיכערונג פאַר די וואָס בלייבן נאָך זיי אין פאַל פון טויט, סיי גייסטיקע און קולטורעלע שפּייז נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, אין דער פאָרם פון לעקציעס, בראָשורן, קעמפּס פאַר די קינדער, און ביכער, אין וועלכע זיי געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע: „ווי לעבט מען היינט?" די פרויען־סעקציעס בײַם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן זיינען דאָס אָרט פאַר די טויזנטער פרויען איבערן לאַנד, פּראָגרעסיווע, פאָרגעשריטענע פרויען, וואָס פאַרדאַמען אַנטיסעמיטיזם, היטלעריזם, ראַסן־האַס און אַלע איבלען פון רעאַקציע און אָפּגעשטאַנענקייט.

דאָס ביכל „די פרוי אין דער געזעלשאַפט" איז אַ פּרואוו צו געבן אַ קורצן איבערבליק איבער דער לאַגע פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס

פון פרויען, זייער לעבן, זייערע זאָרגן און שווערע אַרבעט, זייער קאַמף און זייערע דערגרייכונגען אַף פאַרשיידענע געביטן אין אַנדערע לענדער. דאָס ביכל איז אַן איבערבליק איבער די מיליאָנען מיט־שוועסטער פון דער פרוי, וואָס זיינען אין זייער שווערער נויט אַליין — אויב זיי זיינען ניט אָרגאַניזירט, און וואָס האָבן אַ שטאַרקע, שיינע משפחה — אויב זיי גייען אַריין אין אַ גרופּע, אין אַ קאָלעקטיוו, אין אַן אָרגאַניזאַציע.

דאָס ביכל איז גלייכצייטיק אַ גרוס צו די הונדערטער פרויען איבערן לאַנד, וואָס האָבן דורך זייער באַזוך און אַקטיווער הילף באַם דורכפירן מיין לעקציע־טור, ווינטער 1936-1937, אַראַנזשירט פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, מיר געגעבן אַזויפיל מוט, ענטוזיאַזם און כחות צו פירן אונזער אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

גינאַ מעדעם.

ניו־יאָרק, מאַי, 1937.

1. דאָס ליד באַם קינדער-וויגל

יעדער פון אונז געדענקט די קינדהייט — יענע יאָרן, ווען גוטע, וואַרעמע הענט האָבן אונז אָפּגעהיט און געצערטלט, די הענט פון דער מאַמען. ווען די עלטערע קינדער אין דער משפּחה פלעגט מען אָנזאָגן, אַז זיי זאָלן ניט מאַכן קיין קולות, זיי זאָלן רעדן אין דער שטיל, ווייל „דאָס קינד שלאָפט". יעדער פון אונז געדענקט די לאַנגע נעכט פון שלאָפלאָזיקייט, פון אומרואיקייט און היץ — ווען מען האָט זיך געוואָרפן אין פיבער, מיט קאָמפּרעסן אויפן קאָפּ, און אַ גוטע, אַ האַרציקע מאַמע האָט איבערן בעטל זיך געבויגן צו אונז און האָט מיט אַ ליבער שטימע באַרואיקט, צוגערעדט, איינגעשלעפערט און — סוף־כל־סוף — געמאַכט אונז געזונט.

און יאָרן זיינען געגאַנגען. די אייגענע האַנט האָט אונז געפירט אין אַ שולע, צום ערשטן מאָל אין אונזער קינדערשן לעבן. און צום ערשטן מאָל האָבן מיר זיך צעשיידט אויף עטלעכע שעה מיט דער מאַמען, מיט אירע אויגן, מיט איר פירנדיקער האַנט, ווען אַ מחנה פרעמדע קינדער און אַ נייע פרוי — די לערערן — איז אַריין אין אונזער לעבן.

מיר געדענקען אַלע, מיט וועלכע געפילן מיר האָבן באַגעגנט אָט־די נייע, פרעמדע פרוי, וואָס איז אַזוי פּלוצלונג און שטרענג אַריין אין אונזער לעבן און האָט אונז צום ערשטן מאָל געלערנט זיך צו באַוועגן און אַרבעטן אין אַן אַטמאָספערע פון דיסציפּלין, פון אויספאָלגן געוויסע קליינע שול־געזעצן, וואָס זיינען אַזוי נויטווענדיק אין אַ קאָלעקטיווער וועלט ווי אַ קינדער־שולע, וואו עס קומען זיך צונויף קינדער פון פאַרשיידענע היימען, שיכטן, קלאַסן, גרופּן.

אָבער דאָס סאַמע ערשטע, וואָס מיר געדענקען, ווען מיר טראַכטן וועגן אונזער קינדהייט, איז דאָס וויג־ליד וואָס די מאַמע האָט געזונגען, אָדער — באַ פאַרמעגלעכע פאַמיליעס — די ניאַניע, וואָס מען פלעגט דינגען אַז זי זאָל אויסהאָדעווען דאָס קינד, ווען די מאַמע פלעגט זיין צופיל פאַרנומען זיך איינגאַנצן אָפּצוגעבן מיט דעם איינגסטן קינד. דאָס וויג־ליד איז געווען אַזוי ווייט און אַנדערש ווי דאָס לעבן און אָרעמקייט און נויט פון פאָלק. מען פלעגט זינגען באַם איינשלעפערן דאָס קינד וועגן אַ מלך (אַ קעניג), וועגן זיין מלכה (אַ קעניגין), וועגן גרויסע שיינע פּאַלאַצן מיט ליכט און טייערע דימאַנטן, וועגן גאָלדענע קליידער, וואָס דאָס קינד וועט טראָגן ווען עס וועט אויסוואַקסן און אַליין ווערן אַזאַ „מלך" אָדער „מלכה". אין דעם אומעטיקן לעבן פון אַ פּויערטע, ערגעץ אין פּוילישע אָדער רוסישע דערפער, וועמען די נויט און הונגער האָבן געטריבן אין שטאָט זיך צו פאַרדינגען אַלס אַן אַם צו אַ פרעמד קינד, אין אַ פרעמדער משפּחה, האָט די ליבשאַפט צו איר אייגן פאַרלאָזן קינד זיך אַריבערגעטראָגן אויף דעם נייעם, פרעמדן, שטאָטישן קינד. אָבער איר נשמה איז געבליבן דאָרטן — אין דאָרף, אויף די זאַמדיקע פעלדער פון

דער ווייקסל אָדער אין די בלאָטעס פון פינסק און וואָלין — און זי פלעגט איר דורות־לאַנגן הונגער נאָך אַ ביסל גליק און זאַטקייט אַרויס־זינגען אין איר אומעטיקן קינדער־ליד, אַריבערגעבויגן איבער אַ פרעמד קינד. און אין דערהיים האָט איר מאַמע — די אַלטע פויערטע אָדער שטאָט־אַרבעטערן — איינגעשלעפערט דאָס אייניקל, אַריינשטופּנדיק אים אין מויל אַ שמאַטקע אין וועלכער עס איז געווען איינגעוויקלט ברויט און איינגעטונקען אין צוקער־וואַסער, אַנשטאָט דער מאַמע'ס מילך — מיטן אייגענעם לידל, וואָס צענדליקער מייל ווייטער האָט די מאַמע געזונגען איבער אַ פרעמד קינד.

פאַרוואָס איז דאָס וויג־ליד און די קינדער־מעשה'לע פון אַמאָל אַזוי פול מיט חלומות און וואונטשן און בילדער וועגן גאָלדענע פּאַלאַצן, דימענטן, זיידענע קליידער; וועגן לעקעך־ביסן, מאַנדלען, מאַראַנצן, ווייסע בולקע אינמיטן וואָך? פאַרוואָס האָט מען דעם קינד אין וויגל געוואונטשן, אַז עס זאָל זיין אַ מלך אָדער אַ מלכה?

דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס נאָך אין די גאַנץ אַלטע צייטן, נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק, האָבן מענטשן געפירט מלחמות, פאַרכאַפּט איינער באַם צווייטן גרויסע אוצרות, פאַרניכטעט די פרייהייט בא פעלקער, צוגענומען זייער גוטס און געמאַכט זיי פאַר שקלאַפן, געהאַנדלט מיט מענטשן ווי מיט פי.

2. אָרעם און רייך

קומענדיק צו זיך אַהיים פון אַזאַ פרעמד לאַנד נאָך דער מלחמה, האָבן די זיגער זיך אָנגעבויט פּאַלאַצן, זיך געמאַכט פאַר הערשער, און די גרויסע מאַסן פון דער באַפעלקערונג געהאַלטן אין געהאָרכזאַמקייט און געהערשט איבער זיי, געצוואונגען זיי צו אַרבעטן פאַר ד הערשער. אַזוי איז אַנטשטאַנען די אומגלייכקייט צווישן די מענטשן און די וועלט איז ביסלעכוויז, אין די יאָרהונדערטער וואָס זיינען געקומען, געוואָרן אַלץ מער און מער איינגעטיילט אין פאַרשיידענע גרופּן: גאַנץ רייכע, פאַרמעגלעכע, מיטלמעסיקע און אָרעמע, פאַראָרעמטע, שווער־אַרבעטנדיקע, וואָס האָבן זיך קיינמאָל צו אַ זאַטן לעבן ניט געקענט דערשלאָגן — מענטשן אָן רעכט, אָן אַ מעגלעכקייט צו לערנען זיך אָדער זייערע קינדער, אָן פּאָליטישע רעכט; אין אַ סך לענדער אויך אָן נאַציאָנאַלע רעכט — פאַר אידן, נעגער, אינדיאַנער. מיר האָבן צוויי קלאַסן אין אונזער געזעלשאַפט: מענטשן וואָס האָבן קאַפּיטאַל, וואָס האָבן פאַבריקן, שעפּער, וואָס דינגען אַרבעטער אַז זיי זאָלן אַף זיי אַרבעטן. דאָס זיינען קאַפּיטאַליסטן. און מיר האָבן אַרבעטער, וואָס האָבן ניט קיין קאַפּיטאַל, וואָס האָבן בלויז זייערע הענט מיט וועלכע זיי אַרבעטן — זיי, אָדער זייערע פרויען. דאָס איז דער פּראָלעטאַריאַט — דער אַרבעטער־קלאַס.

די סיסטעם אין וועלכער מיר לעבן און וועלכע שטיצט זיך אַף עקאָנאָמישער אומגלייכקייט רופט זיך די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם. זי הערשט אין פינף־זעקסטל פון די לענדער אַף דער וועלט. זי הערשט אויך דאָ, אין אונזער לאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד־אַמעריקע.

די קאַפּיטאַליסטן האָבן די גרעסטע פאַבריקן, מיינס, שעפּער, אייזנבאַנען, דעפּאַרטמענט סטאָרס, אויטאָמאָבילן; קאָנטראָלירן דעם גאַנצן טראַנספּאָרט־פּאַרקער, פאַרמאָגן גרויסע גיטער, „רענטשעס" אין קאַליפאָרניע, אין פלאָרידאַ, האָבן יאַכטן און גרויסע פּאַלאַצן.

די אַרבעטער און זייערע פרויען און שוועסטער — זיי האָבן גאָרניט קיין אוצרות. זיי האָבן בלויז זייערע הענט, וואָס באַשאַפן די אַלע אוצרות און די פּאַלאַצן. זיי באַקומען פאַר זייער אַרבעט בלויז אַ ווינציקן טייל פון דעם וואָס זיי באַשאַפן, אין דער פאָרמע פון שכירות (ווייִדזשעס), און דאָס בלויז אַזוי לאַנג ווי דער באַלעבאָס וויל זיך באַנוצן מיט זייערע מוסקולן און מיט זייער מענטשן־קראַפט. אין דער מינוט אָבער ווען דער מייסטער, אָדער באַלעבאָס פון דער פאַבריק זעט אַז ער וועט קענען פאַר ווינציקער געלט דינגען אַן אינגערן אַרבעטער פאַר דער מאַשין — טרייבט ער אַרויס דעם מאַן אָדער די פרוי פון זיין פאַבריק אָדער אַנדער געשעפט און ער נעמט צו דער אַרבעט אַן אינגערע מיידל אָדער אַ בחור — אָפט כמעט נאָך קינדער, און אין געוויסע פאַבריקן בלויז קינדער, ווי

עס ווערט פּראַקטיצירט באַם איינוויקלען צוקערלעך אין פּאַפּירלעך, קלייבן שמאַטעס, אָדער אויפקלייבן פּרוכט פון די סעדער און פעלדער, אָדער פּאַר שיק־אינגלעך אין קאָנטאָרן (אָפּיסעס). און אַזוי ווי דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג פון אַ לאַנד מוז אַרבעטן כדי צו לעבן, און אַזוי ווי דעם מאַנ׳ס פאַרדינסט קלעקט ניט צו פאַרזאָרגן די גאַנצע משפּחה מיט ברויט, קליידער, דירה־געלט, מיט אַ דאָקטאָר אין פאַל פון קראַנקהייט — גייען פרויען אויך אַרבעטן. גייען קינדער אַרבעטן. און די אַרבעט איז שווער. די פאַבריק, דער שאַפּ זויגן אויס דאָס בלוט פון פּנים, די קראַפט פון די מוסקלען, די שטאַרקייט פון די נערוון. די יאָגעניש אין דער פאַבריק צעטומלט דעם גאַנצן אָרגאַניזם, מאַכט דעם אַרבעטער אַלט פאַר דער צייט, פילט אָן דעם מענטשן מיט אַ מורא צו פאַרלירן די אַרבעט, צו ווערן קראַנק און הילפלאָז — און דאָס מיינט: אויסגיין פון הונגער.

דערפאַר זינגט מען אויס באַם וויגעלע פון קינד די חלומות וועגן אַ בעסערן לעבן, וועגן אַ לעבן אָן זאָרג און אָן הונגער, אַ לעבן אין ליכטיקע היימען מיט זון־וואַרעמקייט — ניט מיט פייכטקייט, קעלט און פינצטערניש. דערפאַר האָבן אונזערע טאַטעס און מאַמעס גע׳חלומ׳ט און געוואונטשן די קינדער דאָס אוממעגלעכע: ווערן „אַ מלך און אַ מלכה״. מיר, די היינטיקע מענטשן, וואָס אַרבעטן אין שעפּער, אין קאָנטאָרן, אַף די פעלדער און וועגן, אין שפּיטאָלן, אין רעסטאָראַנען — באַם צייטונגססטענד אַפילו — מיר חלומ׳ען ניט וועגן אַ בעסער און גליקלעכער לעבן, נאָר מיר קעמפן פאַר אַזאַ לעבן.

מיר קעמפן פאַר אַזעלכע באַדינגונגען, אַז מיר זאָלן ניט אויסגעצערט ווערן באַ דער אַרבעט, אַז מיר זאָלן ניט פאַרלירן אונזערע כחות פאַר דער צייט. מיר קעמפן פאַר אַרבעט אין געזונטע, היגיענישע באַדינגונגען, מיט אַ באַצאָלטער וואַקאַציע און אָפּרו; מיר קעמפן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג און פאַר פרייער מעדיצינישער הילף; מיר קעמפן פאַר פּענסיע אַף דער עלטער, כדי מיר זאָלן ניט זיין געצוואונגען צו פאַרענדיקן דאָס לעבן היימלאָז און עלנט — ערגעץ־וואו אין גאַס אָדער אין פעלד. מיר קעמפן פאַר אַז אַנדער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואו אַ מענטש וועט ניט עקספּלואַטירן דעם צווייטן, וואו עס וועט ניט זיין קיין באַלעבאָס איבער אַרבעטער און אַ מאַגנאַט איבער אַ שטיק לאַנד, נאָר וואו אַלע מענטשן וועלן אַרבעטן גלייך און די אַרבעט וועט זיי געבן אַ מעגלעכקייט צו זיין זאַט, זיין אָנגעטאָן און אויסגערוט — אַנטוויקלט, געלערנט און גליקלעך. אַזאַ צושטאַנד פון עקאָנאָמישן לעבן איז ניט מעגלעך אונטערן קאַפּיטאַליזם. אַזאַ צושטאַנד הייסט סאָציאַליזם.

און אַף איין זעקסטל פון דער ערד איז שוין דער קאַפּיטאַליזם פאַרניכטעט געוואָרן אין 1917. עס ווערט שוין דאָרט געבויט די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. דאָס לאַנד הייסט: דער סאָוועטן־פאַרבאַנד.

3. די פרוי אין איר היים

איבער דער שטאָט, איבער שטעטלעך און דערפער הענגט וועש צום טריקענען. מען קען אפילו באַ אָט דעם בינטל העמדער, לייַלעכער און האַנטיכער, וואָס פּלאַטערט אױף דעם שטריק אין דעם הויף פון אַ דאָרפיש הייזל, אָדער אין שטאָט פון אַ פענצטער פון דער קיך — דערקענען, אַז עס איז מאָנטיק.

אַמעריקע׳ס הויז־פרויען וואַשן דעם טאָג יעדע וואָך. דאָס איז זייער וואָכן־קאַלענדאַר. בלאָנדע, טונקעלע, רויטע און גרויע קעפּ בויגן זיך איבער דער וואַש־באַליע, אָדער איבערן שטריק, אָדער איבער די זייפּנ־בלאָזן און וואַשן אַלץ וואָס די משפּחה טראָגט און אױף וואָס זי שלאָפט.

דינסטיק פּרעסט מען, מיטוואָך פאַרריכט מען די וועש, פרייטיק סקראָבעט מען די „פלאָרס", מען פּוצט פענצטער, מען רייניקט דעם אויוון און קעלער, מען שלעפּט אַרויס אַש אין שווערע בלעכענע פּעסער, מען לופטערט ווינטער־מאַנטלען, מען לאַקירט אָפּגענוצטע מעבל, טרעפּ, אַ פּלויט, מען פאַרבט אַ פּאָדלאָגע.

און די גאַנצע וואָך קאָכט מען, מען קויפט איין פּראָדוקטן, מען באַקט, מען שניידט־צו און מען נייט־אויף אַ קליידל פאַרן קינד, מען גיט עסן יעדן קינד באַזונדער, ווען עס קומט פון דער שולע. אין אָוונט מאַכט די פרוי גרייט דעם מאָלצייט, ווען דער מאַן און די דערוואַקסענע קינדער קומען פון דער אַרבעט. דורכן טאָג ענטפערט מען נאָך דערצו אומצאָליקע טיר־גלעקלעך, אָדער מען לויפט עפענען די טיר אַ פּעדלער.

די פרוי אין איר היים. אָט זיצט זי אין דערהיים און זי איז אַן אַם, אַ דינסטמיידל, אַ קוכער און אַ בעקער, אַ מאַמע און אַ חבר׳טע פון אַ מאַן.

וואָס פאַר אַ שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט! און וואָס פאַר אַן איינזאַמקייט אין הויז! קיינער איז ניטאָ. זי איז אַליין. אַלע האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט איר און זיינען אַוועק. זי איז געבליבן אין הויז אַליין. אויפגעשטאַנען די ערשטע, געמאַכט פרישטיק, אָנגעטאָן די קינדער, אַוועק־געפירט זיי אין שול, באַגלייט דעם גרויסן זון צו דער טיר, זיך געבעטן באַ אים ער זאָל פון דער אַרבעט קומען באַלד אַהיים — ער זאָל ניט אויסגעבן קיין געלט, ער זאָל די וואָך עפּעס מער צוטראָגן צושטייער צום הויז־חשבון...

און אָט איז זי אַליין. זי איז מיד. זי וויל זיך אױף אַ מינוט אָפּשטעלן, צונויפקלייבן די געדאַנקען — אָבער זי האָט ניט קיין צייט. זי איז אַ מאַשין. אַלע רעדלעך פון דער מאַשין מוזן לויפן. אַז ניט, בלייבט דער גאַנצער מעכאַניזם שטיין. ווען עס וועט ניט זיין פאַרטיק די אַרבעט פון טאָג, די צימערן אויפגעראַמט,ביידע מאָלצייטן צוגעגרייט, דער בלאַנקעט פון קינד, רוטי, ניט אויסגעוואַשן נאָך דער קראַנקהייט אירער, נאָך דעם

סקאַרלאַטין, וועלן זיך נאָך די איבעריקע קינדער אָנשטעקן. רוטי שטייט היינט אויף פון בעטל.

זעקס וואָכן האָט די מאַמע געוואַכט איבער איר קראַנק קינד דורך די נעכט, געאַרבעט באַטאָג — ווייל קיין געלט פאַר אַ פלעגערן (נורס) איז נישטאָ. דער מאַן האָט אַ גאַנצן ווינטער ניט געאַרבעט — מען האָט אים „אָפּגעלייגט", ווי עס זאָגן די אידן פון ניו יאָרק. מען האָט געגעסן פון די אָפּגעשפּאָרטע פּאַר דאָלאַר פון פריער. דערפאַר בעט זי דעם זון צו קומען אַהיים פון דער אַרבעט, ניט אויסגעבן דאָס געלט — מען האָט חובות צו צאָלן, מען האָט אָנגענומען באַם גראָסערימאַן, באַם קצב און אין דעם אַפּטייק אַף באָרג. און דער מידער קאָפּ פון דער הויז־פרוי שפּאַרט זיך אָן אַף אַ מינוט אַף דער האַנט און זי פאַרמאַכט די ניט־אויסגעשלאָפענע, אויסגעמאַטערטע ברענענדיקע אויגן.

די יוגנט פליט פאַרביי.

אין פאַרגלייך מיט היינט איז איר יוגנט אין אַן אָרעמער שטוב פון אַן איסט־סיידער שניידער, אַ שאַפּ־אַרבעטער, אַ געוועזענעם קליינשטעטל־דיקן בעל־מלאכה פון פּוילן, געווען אַ גליקלעכע צייט, אַ זאָרגלאָזע צייט. וואָרים וואָס פאַר אַ זאָרג האָט אַ מיידל פון 19 יאָר, וואָס אַרבעט אין אַן אָפּיס און וואָס ברענגט יעדע וואָך צוואַנציק אָדער פינף־און־צוואַנציק דאָלאַר אַהיים? (געווען אַזעלכע צייטן!) אויך איר מאַמע האָט איר געהייסן שפּאָרן, ניט אויסגעבן קיין איבעריקע געלט, כדי זי זאָל קענען חתונה האָבן מיט סעמ׳ען אין אַ צוויי יאָר אַרום און ניט דאַרפן וואַרטן יאָרנלאַנג. זי טראַכט ווי גוט, ווי לייכט, ווי זאָרגלאָז עס האָט זיך איר געלעבט אין דעם טאַטנ׳ס שטוב אין פאַרגלייך מיט היינט.

דאָס לעבן איז שוין ניט דאָס אייגענע, און סעם איז ניט דער אייגענער. ער איז אין אָוונט זעלטן אינדערהיים. נאָכן מאָלצייט (סאַפּער) לייענט ער אַ צייטונג און גייט נאָכאַמאָל אַוועק. קומט שפּעט אַהיים, ווען זי שלאָפט שוין, אַ מידע, אַן אויסגעמאַטערטע. זי כאַפּט זיך לעצטנס, אַז זי איז — אַליין. שוין אַ סך יאָרן, ווי זי פילט דאָס. זי האָט ניט מיט וועמען צו רעדן און ניט וואָס צו רעדן. איר לעבן איז אַנדערש ווי איר מאַנ׳ס שוועסטער׳ס, אָדער מיסעס דזשייקאָב׳ס. ניין — זיי לעבן אויך אַזוי. אַרבעט אַלס יונגע מיידל. אַ פרייליכע, זאָרגלאָז לעבן — אמת, אין ניט קיין רייכע שטיבער, אָבער מען טיילט זיך מיט דער מאַמען, מען גייט שיין אָנגעטאָן, מען האָט פון דעם לעבן אַ סך „פאָן" (שפּאַס). און שפּעטער האָט מען חתונה. און די צייטן ווערן אַנדערע. עס קומען די קינדער און מיט זיי — זאָרג, פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אומרו. דערצו נאָך דער שווערער קריזיס, די „דעפּרעסיע" — ווי מען האָט עס אָנגערופן אין דער ענגלישער פרעסע. און מען רעדט ניט וועגן דעם. ניטאָ מיט וועמען. די שכנות רעדן ניט וועגן מאַטעריעלע זאָרגן. זיי האָבן דעם אַמעריקאַניש־צוגעשניטענעם ענטפער: „איי עם פיין, טהענק יו", ווען זי פרעגט זיי ווי זיי פילן זיך, ווי עס גייט זיי. און מיט איר מאַן קען זי אויך ניט רעדן — ער איז אויך עפּעס אַנדערש, אומגעדולדיק געוואָרן; אַזוי ווי זי וואָלט איצט געווען פון דאָרף, און ער — פון שטאָט.

און זי דערשרעקט זיך. וואָס? עס וועט שוין אַזוי אַלעמאָל זיין?
זי קען ניט זיין אייביק אַליין מיט אירע געדאַנקען. זי וויל ניט ווערן פרעמד צו איר גוטן סעם, וואָס האָט איר שטענדיק צוגערעדט אַז זי זאָל לייענען, אַז זי זאָל גיין מיט אים אויף אַ לעקציע, אין אַ טעאַטער, און זי פלעגט מורא האָבן איבערלאָזן די קינדער — אַפילו ווען זיי זיינען שוין געווען גרויסע, כאָטש ניט־אידישע שכנים פלעגן זיך זונטיק רואיק אוועק־גיין און אַ זיבן־יעריק קינד לאָזן אַליין אין הויז.

זי הויבט זיך שווער אויף, ווי זי וואָלט שווערע געוויכטער געהאַט אָנגעבונדן באַ אירע פיס. מיט יאָרן עלטער איז זי היינט געוואָרן, אַזוי ווי ניט זי וואָלט עס נאָך מיט דריי שעה צוריק געווען. עפּעס מוז געטאָן ווערן, האָט אַ געדאַנק איר אָנגעהויבן פאַרפאָלגן. מען מוז זיך אַליין ראַטעווען, אַז ניט האָט דאָך דאָס גאַנצע לעבן ניט קיין ווערט. מען קען דאָך ניט לעבן בלויז אַלס קעכין און אויפראַמערין אין שטוב, אַפילו פאַר אייגענע קינדער. עפּעס מוז מען טאָן! זי וועט רעדן מיט סעמ'ען. זי וועט גיין צו זיינע פריינט, צו זיינע חברים. עס לעבן דאָך אַזוי פיל מיליאָנען מענטשן און האָבן דאָך געוויס די אייגענע זאָרג, די אייגענע דאגות, ספקות וואָס זי האָט. וואָס טוען זיי?

באַרימטע אַרבעטער פרויען פירערין. האָט אָנגעפירט דעם קאַמף פאַר פרויען־רעכט אין 20סטן יאָרהונדערט. געשטאָרבן אין מאָסקווע אין 1933.

4. וואָס איז דער אויסוועג פאַר דער הויז־פרוי?

ווי לעבט מען באַ אַנדערע פאַמיליעס?

די פראַגע שטעלן זיך היינט מיליאָנען הויז־פרויען איבער דער וועלט, וואו עס הערשט די עקאָנאָמישע אומזיכערקייט — דער קאַפּיטאַליזם. אין מיליאָנען היימען טוט מען אָן קינדער אין דער פרי, מען ברענגט זיי אין דער שול, מען קאָכט די מאָלצייטן, מען באַקט, מען וואַשט, מען זיצט באַ קראַנקע פאַמיליע־מיטגלידער. און די פרוי איז אַליין. ביסלעכווייז ווערט זי פאַרגליווערט אין הויז־אַרבעט. זי פאַלט אין אָוונט ווי אַ שטיין, מיד און שוועך. זי הערט־אויף צו לייענען. אירע קינדער וואַקסן און לעבן זיך אין זייער אייגענער וועלט. זיי הערן נייעסן. זיי הערן זיך צו דער ראַדיאָ. זיי גייען אין מוזייען. זיי שטעלן פראַגן אין אָנהויב צו דער מאַמען; אָבער די פראַגן קען די מאַמע ניט ענטפערן. זי האָט שוין יאָרנלאַנג ניט געטראַכט, ניט געלייענט, ניט דיסקוטירט מיט אַנדערע וועגן אַ בוך, וועגן אַ געזעלשאַפטלעכער געשעעניש, וועגן דעם לעבן גופא. אַרום איר שפּרודלט אַ וועלט. פּאָליטישע פּאַסירונגען קומען פאָר. וואַלן פאַר אַ פּרעזידענט פון לאַנד. וואַלן פאַר אַ שטאָט־רעגירונג. עס וואַקסט די אַרבעטער־באַוועגונג. אַ קריזיס האָט צעטראָגן די „פּראָספּעריטי" פון לאַנד. פּרייזן שטייגן. אויסגאַבן וואַקסן. מענטשן פאַרלירן „דזשאָבס". די אַרבעט־שכירות ווערן געשניטן. ס'איז שווער צו צאָלן דירה־געלט. ברוטאַלע פּאָליציי וואַרפט אַרויס די איינוואוינער פון דער וואוינונג אָפן באַפעל פון דעם הויז־אייגנטימער. פּרייזן אויף לעבנס־מיטלען שטייגן כסדר.

פרויען, הויז־פרויען, פּשוט'ע געשטאַלטן, דאַכט זיך, זיינען אָבער אַ מאַכט, אַ גרויסע מאַכט — ווען זיי זיינען אָרגאַניזירט.

זיי זיינען אַ גרויסע קויף־קראַפט. זיי קויפן אַ סך. זיי קענען צווינגען די רויבערישע גרויסע טראַסטס ניט צו שרויפן אַזוי הויך די פּרייזן אויף ברויט, מילך, פלייש, גאַז און עלעקטריע; ניט צו צאַפּן דאָס בלוט פון דער אָרעמער באַפעלקערונג, פון די קליינע פאַרדינער, פון די האָרעפּאַשניקעס און לוין־אַרבעטער, כדי נאָך מער צו פאַרגרעסערן זייערע אַזוי אויך ריזיקע פּראָפיטן.

די פרוי אין הויז אַרבעט פּונקט אַזו שווער, אויב ניט נאָך שווערער, ווי די פרוי אין דעם שאָפּ אָדער אין אָפיס. און זי באַקומט פאַר איר אַרבעט גאָרניט באַצאָלט.

די רייכע מאַגנאַטן ווייסן דאָס. זיי ווייסן, אַז זי איז ניט אָרגאַניזירט, אַז זי וועט זיך ניט פאַרטיידיקן. דאָס וואָס די פרוי איז ניט אָרגאַניזירט — דאָס גיט די טראָסט־מאַגנאַטן מוט און חוצפה צו הויבן די פּרייזן.

אַז דאָס איז די הויפּט־צרה האָבן שוין איינגעזען מיליאָנען פרויען, הויז־פרויען אין די פאַראייניקטע שטאַטן — נאָך מער אין אייראָפּע. אַפילו אין קאַנאַדע, וואו ס'האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געהערשט זייער

אַ רעאַקציאָנערע רעגירונג — די בענעט־רעגירונג. אידישע פרויען האָבן אין 1934 און 1935 אָרגאַניזירט אַ גלענצענדן קאַמף נגען הויכע פליישׂ־ און ברויט־פרייזן און האָבן זייער קאַמף געוואונען.

נאָך מער: פרויען וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געלעבט אין זייערע היימען בלויז פאַר דער משפּחה, זיך מיט קיין זאַך ניט אינטערעסירט, געוואָרן פרעמד צו זייערע קינדער און צו זייערע מענער — האָבן אין דער אָרגאַני־זאַציע, אין דער פריינטשאַפט און חבר׳שאַפט פון אַ גרופּע אַנדערע פרויען פלוצלונג דערזען די לייזונג צו זייער פּראָבלעם פון איינזאַמקייט, פוסטקייט און פאַרפרעמדקייט פון זייערע פאַמיליעס. זיי האָבן זיך פלוצלונג דער־פילט ווידער יונג, ווידער געזעלשאַפטלעך נויטיק און גלייכבארעכטיקט. זיי האָבן ווידער געפונען אַ וועג צו זייערע קינדער, צו זייערע אינטערעסן און צו זייער צוטרוי. זיי זיינען ווידער געוואָרן חברים צו זייערע מענער, ווייל זיי האָבן ווידער באַקומען אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

קיין זאַך איז ניט אַזוי טרויעריק ווי צו לעבן אונטער איין דאַך און דאָך זיין פאַרפרעמדט, איינזאַם, עפּעס ווי איבעריק. אונזער לעבן היינט איז טאַקע זייער שווער. די מעגלעכקייט פון געפינען אַרבעט ווערט אַלץ שווערער און שווערער. אין די שעפּער ווערט איינגעפירט דער „ספּיד־אַפּ“־סיסטעם. די פאַבריק וואַרפט אַרויס 40־יאָריקע מענער און נעמט אַריין 18־יאָריקע אויף זייער אָרט. דער מענטש ווערט צעריבן. זיינע נערוון ווערן אָנגעשטרענגט ביז צום פּלאַצן. ער קומט אַהיים אַ צעבראָכענער. און ווען די פרוי, די חבר׳טע זיינע, קומט מיט אירע פּרעטענזיעס, מיט אירע טענות צו אים — וואָס ער גייט צופיל צו מיטינגען, צו „יוניאָנס“, אַנשטאָט צו העלפן אים מיט פאַרשטענדניש און דערמוטיקונג — איז זיכער, אַז די פאַמיליע וועט טראַגיש אונטערגיין אָדער אפשר באַגיין אַ זאַך, וואָס מען וועט קיינמאָל ניט קענען פאַרענטפערן.

די הויז־פרוי קען ניט לעבן פאַר זיך — אויסער דער געזעלשאַפט, אויסער די מיטמענטשן, אויסערהאַלב דער וועלט. זי מוז זוכן און געפינען די אָרגאַניזאַציע. זי מוז אַריינגיין אַלס מיטגליד אין אַ „פרויען־קאָונסיל“; אַ פרויען־סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן; שיקן דאָס קינד אין אַ פּראָגרעסיווער שול, אין דער אָרדן־שול. דאָס וועט גאַנץ מאַכן און באַפעסטיקן איר פאַמיליע־לעבן, איר געזעלשאַפטלעך לעבן — אין אַ האַרמאָניע מיט זיך און מיט די מיטמענטשן.

די הויז־פרוי מוז אויך לייענען. עס דאַרף ניט הערשן די דאָזיקע פּריווילעגיע בלויז פאַרן מאַן. „מיין מאַן האָט זיך זיין צייטונג“, גיט זיך אָפּ אַ זאָג אַ פרוי. דאָס מיינט געוויינטלעך, אַז ער לייענט אַ פּראָגרעסיווע צייטונג און זי שלעפּט זיך נאָך מיט אַ רעאַקציאָנערער גרופּע, וואָס פּרעדיקט, אַז די פרוי דאַרף זיצן אין קיך און קאָכן די מאָלצייטן. אין דער איבעריקער צייט דאַרף זי זיין אַ מאַמע און אַ געהאָרכזאַמע פרוי. דאָס שמעקט מיט מיטלאַלטער און מיט דער בייטש, וואָס דער „מאַן און באַלעבאָס“ פלעגט באַנוצן אויף צו מאַכן די פרוי פאַר אַ געהאָרכזאַמער שקלאַפין, אָן אַ דעה און אָן וועלכע רעכט.

די אַרבעט וואָס די הויז־פרוי טוט־אויס באַרעכטיקט איר צו פאַר־

רעכנט ווערן אין דער קאַטעגאָריע פון אַרבעטערינס. אַלס אַזעלכע מוז זי זיין אַ נוצלעכער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט און דאַרף העלפן די קעמפנדיקע פרויען פון אַנדערע קאַטעגאָריעס: פון שאַפ, פון אָפיס, פון דער לאַנד־אַרבעט אין זייער קאַמף פאַר בעסערע לעבנס־ און אַרבעטס־באַדינגונגען.

די פרוי פון אַן אַרבעטער אָדער פון אַ האַנטווערקער איז מאַטעריעל ניט בעסער און ניט זיכערער ווי די פאַבריק־אַרבעטערין. דערפאַר מוז זי דורך אָרגאַניזירן זיך און אַנדערע פרויען שטיצן דעם קאַמף פון אירע מיטשוועסטער.

מ ו ט ע ר ב ל ו ר
(באַרימטע אַמעריקאַנער אַרבעטער קעמפערין)

5. וואָס האָט דער פאַשיזם געגעבן דער פרוי?

די הויז־פרויען פון דעם אַרבעטער־שטאַנד און פון מיטל־שטאַנד — דאָס הייסט די פרויען פון קליינע ביזנעסלייט, גראָסערילייט, פּעדלערס און קליינע אונטערנעמער, וואָס האָבן אַ קליינעם ווערקשטאַט — זיינען אַ גרויסע קראַפט אין יעדן לאַנד. זייער איינפלוס זוכט צו געווינען יעדע רעאַקציאָנערע פּאָליטישע גרופּע, יעדע „מאַשין", וואָס אַרבעט אין ציים פון פּאָליטישע וואלן פאַר אַ רעאַקציאָנערן קאַנדידאַט. אין אַ סך לענדער פון אייראָפּע, פון אַזיע, הערשט היינט דער פאַשיזם — אַ רעגירונג פון שטאַרקע, ברוטאַלע כחות, וואָס זוכט צו פאַרטיידיקן די היינטיקע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג געגן דעמאָקראַטיע, געגן די אינ־טערעסן פון די אַרבעטער, פון די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן און זייערע קינדער און וועלכע זוכט דורכפירן מלחמות מיט קלענערע לענדער זיי צו פאַרכאַפּן, איינפירן אַ דעספּאָטישע, מיטלאַלטערלעכע רעגירונגס־פאָרם און אַזוי אַרום צו פאַרלענגערן די מאַכט פון דעם קאַפּיטאַליזם, פון מילי־טערישער און פּאָליציייאישער ברוטאַליטעט אויף דעם חשבון פון די האָרעפּאַשנע און פאַראָרעמטע מאַסן.

די פאַשיסטישע רעגירונגען לאָזן ניט אַרויס פון אויג די פרוי פון זייער פּראָגראַם פון ברוטאַלער אונטערדריקונג. דער פאַשיזם באַנוצט די שווערע לאַגע פון די הויז־פרויען — סיי פון אַרבעטער, סיי פון מיטל־שטאַנד — אַריינצונאַרן זיי דורך הויך־קלינגענדיקע פראַזן — דורך דער ראַדיאָ אָדער דורך קונציק־צונויפגעשטעלטע קינאָ־פאָרשטעלונגען (מואווינג־פיקטשורס), כדי אַריבערצוגעווינען זיי פאַרן פאַשיזם. דורך דער פרוי האָפט דער פאַשיזם צו אַריבערגעווינען איר מאַן און אירע קינדער פאַר די פאַשיסטישע „אידעאַלן".

דער פאַשיזם זוכט צום אַלעם ערשטן צו איבערצייגן דער פרוי, אַז צווישן איר (דער פרוי פון פאָלק) און צווישן דער רייכער פריצ'טע אָדער מאַגנאַטקע איז ניטאָ קיין אונטערשייד — זיי זיינען ביידע גלייך, זיי זיינען ביידע דעם פאַשיזם טייער. דערפאַר טאָר אין אַ פאַשיסטישער געזעלשאַפט ניט זיין קיין אַנדער פּאָליטישע פּאַרטיי, קיין אַנדער עקאָנאָמישע אָרגאַני־זאַציע, ווי נאָר די פון פאַשיזם איינגעפירטע און פון פאַשיזם דערלויבטע. דאָס איז די אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרטיידיקט די רייכע, דעם קאַפּיטאַליזם, וועלכע דערציט די יוגנט אין מיליטערישן גייסט; וועלכע פּרעדיקט ראַסן־האַס און אַנטיסעמיטיזם, מיטן ציל פיזיש אויסצוראָטן די אידן. דער פאַשיזם אונטערדריקט דעם אַרבעטער־קלאַס און האַלט מוטיקע אַרבעטער־קעמפער אין תפיסות, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פאַרפירט אָן אַ שיר פּראָצעסן געגן פירער פון אַרבעטער, וועלכע ענדיקן זיך אָפט מיט טויט־שטראָף, ניט שאַנעווענדיק אויך די פרויען.

ווייסנדיק די מאַכט און דעם איינפלוס פון דער פרוי אין דער פאַמיליע,

זוכט דער פֿאַשיזם מיט ביטערע רייד אָפּצואַווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער פֿרוי פֿון אירע נויטן, פֿון אירע פּראָבלעמען און פֿון איר עקאָנאָמישער לאַגע און ווייזט איר אָן אַף איר כּלומרשטיקער פֿליכט בנוגע „דעם גאַנצן פֿאָלק אירן", איר „היסטאָרישע מיסיע" צו זיין די מוטער פֿון גאַנצן פֿאָלק און צו „ראַטעווען" אירע קינדער פֿון „פּאָליטיק, רעוואָלוציע און קאָמוניזם". און אַזוי ווי אַ פֿאַשיסטישע רעגירונג פֿאַרמאַכט און פֿאַרניכטעט אַלע אַרבעטער-צייטונגען און אַרבעטער-קלובן, אַזוי ווי זי דערלאָזט ניט צו קיין פֿרייער רעדע און באַנוצט זיך מיט די געמיינסטע ליגנס און העצעס אַפֿן אַרבעטער-קלאַס — נאַרט אַריין דער פֿאַשיזם דורך אָט-די מיטלען די ניט-אַנטוויקלטע, ניט-באַוואוסטזיניקע פֿרוי. און אַזוי ווי די פֿאַראָרעמטע פֿרוי זוכט אַן אויסגאַנג פֿון איר שווערער מאַטעריעלער לאַגע פֿון נויט, אַרבעטסלאָזיקייט, יקרות, הונגער — מיינט זי, אַז די „נייע אָנזאָגער" וועלן אפשר לינדערן אירע נויטן. זי הערט דעריבער זיך צו צו זיי אין איר אומבאַהאָלפֿנקייט און אומוויסנקייט.

און אָט האָבן מיר, די איינוואוינער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואו עס איז נאָך קיין פֿאַשיסטישע רעגירונג ניטאָ, וואו עס הערשט אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג, אַ מעגלעכקייט צו זען וואָס דער פֿאַשיזם האָט געגעבן דער דייטשער פֿרוי, דער איטאַליענישער, דער יאַפּאַנעזישער, דער אונגאַרישער פֿרוי, וואָס לעבט און מאַטערט זיך אונטער פֿאַשיסטיש-מיליטערישע רעגירונגען.

די באַרימטע דייטשע קינסטלערין, עריקאַ מאַן, די טאָכטער פֿון דעם גרויסן דייטש-אידישן שרייבער טאָמאַס מאַן, בּאַ וועמען די נאַצי-רעגירונג האָט צוגענומען זיינע בירגער-רעכט און געמאַכט אים היימלאָז, האָט אין אירער אַ רעדע דעם 15טן מערץ, 1937, וואָס זי האָט געהאַלטן אין ניו יאָרק, אַזוי באַצייכנט די לאַגע פֿון דער פֿרוי אין דעם פֿאַשיסטישן נאַצי-דייטשלאַנד:

„מיר, די פּראָגרעסיווע מענטשן, האָבן אַף אונזער זייט איין גרויסע מעלה, אַנטקעגן אונזערע שונאים, די פֿאַשיסטן — מיר קומען מיטן אמת, בלויז מיטן אמת, כאָטש דער אמת איז אַמאָל ניט אַזוי אַנגענעם פֿאַר אונז: באַם סאַמע אָנהויב פֿון מיין רעדע מוז איך זאָגן איינס: עס זיינען געווען די פֿרויען, וואָס האָבן אין זייער מערהייט דערוויילט היטלערן! . . .

„מיטגעריסן דורך די געוואַלטיקע צוזאָגן, דורך די ליידנשאַפֿטלעכע רעדעס פֿון היטלערן, פֿול מיט האַס צו דייטשלאַנד'ס שונאים און פֿול מיט שמייכלען און חניפֿות צו די דייטשע פֿרויען — צוזאָגן, וואָס ער האָט קיינמאָל שפּעטער ניט אויסגעפֿירט — האָבן דייטשע פֿרויען געשטימט מאַסנווייז פֿאַר די ברוינע שטיוול, דאָס ברוינע העמד און דעם האַקן-קרייץ. די פֿרויען פֿון דעם מיטלשטאַנד, פֿאַרביטערט פֿון די נאָך-מלחמה קריזיסן און פֿון די פֿאַרלוירענע האָפֿענונגען אַף בעסערע געשעפֿטן און אַ בעסערער צוקונפֿט, זיינען געווען די שטאַרקסטע אָנהענגערינס פֿון היטלערן. היינט זיינען זיי מער אַנטוישט, מער און ביטערער אָפּגענאַרט, מער

און שטאַרקער פֿאַראָרעמט, מער האָפֿענונגסלאָז, פֿאַרשקלאַפֿט, ווי וועלכע ניט איז גרופּע מענטשן אין דעם אַנטוישטן דייטשן לאַנד."

די פֿרוי טאָר ניט זיין קיין דענקענדיקער, באַוואוסטזיניקער, אומ־אָפּהענגיקער מענטש אין נאַצי־דייטשלאַנד. זי מוז אויפֿהערן צו טראַכטן. זי טאָר ניט אַרבעטן אויסערן הויז אָדער גאָרטן; זי טאָר זיך ניט פֿאַרגלייכן מיטן מאַן. זי טאָר ניט אַרויסזאָגן איר מיינונג וועגן אירע אייגענע קינדער, זי טאָר זיי ניט דערציען — מיט איין וואָרט: זי מוז בלויז זיין אַ פֿאַמיליע־באַזאָרגער, די מוז בלויז זיך פֿאַרנעמען מיט קיך, קינד און מיט דעם נייעם, פֿון היטלערן אָרגאַניזירטן, קלויסטער.

דאָס וואָרט „פֿאַמיליע", „משפּחה" איז טויזנט מאָל אַ טאָג דער־מאָנט געוואָרן דורך דער ראַדיאָ אין די רעדעס פֿון היטלערן און זיינע אַגענטן. היטלער און זיינע מיניסטאָרן האָבן דער פֿרוי געגעבן די וויכטיקסטע מיסיע אויסצופֿילן אין איר לעבן. און וואָס איז געוואָרן פֿון די צוזאָגן? די פֿאַמיליע אין דייטשלאַנד, אַנשטאָט צו ווערן אויפֿגעבויט, איז זי צעבראָכן געוואָרן: מיליטער, אַרבעטס־פֿראָנט, אַרבעטס־מאָבילי־זאַציע — אָט די דריי היטלער־אינסטיטוציעס האָבן צעבראָכן דאָס פֿאַמיליע־לעבן. דער מאַן איז אַוועק גראָבן און טריקענען זומפּן, דער זון איז אַוועק אין מיליטער, די טאָכטער איז אַוועק אין די פֿרויען־קאַזאַרמעס אַף דער פּראָווינץ, צו אַרבעטן אין די פֿעלדער און שטאַלן באַ די רייכע פּריצים — „צו לייזן די פּראָבלעם פֿון אַרבעטסלאָזיקייט", ווי היטלער רופֿט עס אָן. דער אמת'ער צוועק אָבער איז — צו געבן די קאַפּיטאַליסטן און מאַגנאַטן אומזיסטע, אָדער גאַנץ ביליקע אַרבעטס־קראַפֿט.

אַלע מיידלעך, וואָס ווערן 15 יאָר אַלט, מוזן, לויטן באַפֿעל פֿון דער נאַצי־רעגירונג, אַרבעטן אָנדערהאַלבן יאָר אין אַ „פֿרייוויליקן אַרבעטס־דינסט". פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג מוז יעדע מיידל, אַפֿילו די סאַמע דעליקאַטע אין געזונט און די סאַמע קינסטלערישע אין אירע פֿיאַיקייטן — אויפֿשטיין און גיין ראַמען דעם שטאַל פֿון די פֿערד, בהמות און חזירים.

אַ קליין מיידעלע פֿון 15 יאָר שרייבט פֿון אַ שטאָט אין באַיערן, דייטשלאַנד, צו עריקאַ מאַן אַ בריוו, וואו זי באַקלאָגט זיך אַף דעם ביטערן סוף פֿון אַלע אירע האָפֿענונגען. זי, די טאָכטער פֿון אַריסטאָ־קראַטישע עלטערן, האָט שטודירט אין אַ מוזיק־שולע צו ווערן אַ האַרפֿיסטקע, צו שפּילן אַף דער האַרפֿע. צום סוף מוז זי גיין ראַמען מיסט אין שטאַל און שניידן שטרוי פֿאַר די חזירים — אַ יאָר מיט אַ האַלב. דאָס מיינט אַ סוף פֿון איר קאַריערע, ווייל אירע הענט וועלן רואינירט ווערן אַף שטענדיק. דאָס קינד שרייבט אַ פֿאַרצווייפֿלטן בריוו צו עריקאַ מאַן און זאָגט: „דאָס לעבן איז האָפֿענונגסלאָז — איך בין פֿאַרצווייפֿלט — אַלע מיינע קרבנות ביז אַהער זיינען געווען אומזיסט. זיי געזונט, מוזיק, פּלענער, קונסט!"

און דאָס איז ערשט דער אָנהויב פֿון דעם לעבן פֿון אַ מיידל אין נאַצי־דייטשלאַנד. נו, און ווייטער? אויב אַ מיידל הערט הונדערט מאָל אַ טאָג אַף דער ראַדיאָ און אין די צייטונגען, אַז זי מוז גיין צו דער

„הייראַטס־ביוראָ", וואָס גיט עצות יונגע מענטשן (לויט היטלער׳ס באַפעל), מיט וועמען חתונה צו האָבן און וואָס פלעגט אין די ערשטע דריי מאָנאַטן פון היטלער׳ס רעגירן אויסלייען געלט צו אַזעלכע פּאָרלעך אַף אַ יאָר אָדער צוויי — ביז זיי וועלן קענען אָפּגעבן ביסלעכווייז — אויב זי גייט אַריין אין דער ביוראָ, הערט זי אויס אַ לעקציע, אַז זי מוז חתונה האָבן בלויז מיט אַ בלאָנדן דייטש, וועמעס עלטערן און זיידעס זיינען געווען קריסטן, „ריינע אַריער". טאָמער אָבער האָט זי ליב אַ מענטשן, וואָס זיינע עלטער־זיידעס זיינען אפשר געווען ניט קיין דייטשן, אָדער אפשר האַלבע אידן, איז זי זיכער אַז מען וועט זי אַריינוואַרפן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין אַ משוגעים־הויז אָדער אין אַ תפיסה. נאָך מער — ווען איר ברודער וועט איר אַמאָל דערזען מיט אַזאַ מענטשן, וועט ער זי אַליין אָפּפירן אין תפיסה, ווייל ער — דער ברודער — איז אַ שטורעם־טרופּער, וואָס קען דורך אַזאַ מסירה באַקומען אַ העכערן ראַנג אין זיין שטורעם־אָפּטייל. . . .

די באַרימטע „נירענבערגער געזעצן", וואָס היטלער האָט אַרויסגעגעבן, באַשטימען פאַרשיידענע סאָרטן שטראָף פאַר דייטשע בירגער — מענער און פרויען—וואָס ווילן חתונה האָבן מיט מענטשן, וועמעס עלטערן שטאַמען פון האַלבע אָדער פערטל־אידן... דייטשע פרויען טאָרן ניט אַרבעטן פאַר קיין אידישע באַלעבאַטים. אידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, געלערנטע טאָרן ניט גערופן ווערן צו הילף פאַר דייטשע פּאַציענטן.

די פרוי, וואָס האָט געגלויבט אין היטלער׳ן, איז שוין גענוג באַשטראָפט, האָט שוין גענוג טייער באַצאָלט דערפאַר. דאָס איינציקע, וואָס זי קען טאָן היינט, איז אויפקלערן אירע שוועסטער — אַנדערע פרויען — ווי געפערלעך דער פאַשיזם איז און וואָרענען דער מענטשהייט ניט צו טאָן דאָס אייגענע.

אין 1930 האָט מען אין אַמעריקע רעגיסטרירט 23 מיליאָן הויז־פרויען מיט דער באַצייכענונג, אַז זיי זיינען „פאַרנומען אָן באַצאָלט" — דאָס הייסט: זיי אַרבעטן אומזיסט. די הויז־פרויען זיינען מוטערס פון אַרבעטער־קינדער, פרויען פון אַרבעטער, פון האָרעפּאַשנע מענטשן, און זיי געהערן דערפאַר צום אַרבעטער־קלאַס. זיי מוזן פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון זייער קלאַס און מוזן זיך אָרגאַניזירן אין מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, ווי „פרויען־אָקזילערים" באַ יוניאָנס, פרויען־סעקציעס אין פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, פרויען־קאָונסילס, און שטיין אַף דער וואַך פאַר די אינטערעסן פון דער אַרבעטער־משפחה, פאַרן קינד און דעם יונגן אַרבעטער, בחור אָדער מיידל. זיי מוזן לייענען זייער אַרבעטער־פּרעסע, זיי מוזן זיין שטענדיק גרייט אַפן רוף פון זייער אָרגאַניזאַציע צו שטעלן זיך אין דער ריי פאַר בעסערע, מענטשלעכערע לעבנס־באַדינגונגען.

6. די פרוי אין פאַבריק, אין אָפיס און אין געשעפט

ווען מען גייט איבער די גאַסן פון אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלעך 8 אַזייגער אינדערפרי אָדער 5 אַזייגער אין אָוונט, זעט מען מיליאָנען פרויען און יונגע מיידלעך ווי זיי שטראָמען אין געדיכטע מחנות צו די „סאָבווייס", צו די טראַמוויען (סטריט־קארס), אָדער וואַרטן אויף אויטאָ־בוס („באָס"). אַ סך פון זיי האָבן אַ ווייטע רייזע פון איבער אַ שעה צו אַ שטעטל, וואו זייערע פאַמיליעס וואוינען צוליב ביליקערע דירה־געלט.

מען זעט די געוואַלטיקע אַרמיי פון פרויען־אָנגעשטעלטע, אָפיס־אַרבעטערינס, קלוירקס, סעילסלעידיס אין דעפּאַרטמענט־סטאָרס, באַ־דינערינס אין רעסטאָראַנען, אין קאַפעס, אין גרויסע מאַרקעטס; אָנ־געשטעלטע אין שפּיטאָלן, אין לאַבאָראַטאָריעס, באַ דענטיסטן, דאָקטוירים. פרויען, וואָס אַרבעטן אין פאַבריקן גלייך מיט מענער אין פאַרשיידענע אינדוסטריעס, איינשליסנדיק פאַבריקן, וואָס אַרבעטן־אויס קריגס־מאַטעריאַלן, אַמוניציע, כעמישע שטאָפן, אויפרייס־באָמבעס, גראַנאַטן, אין גרויסע כעמישע זאַוואָדן, אויף שיפן און באַנען.

די פרוי געפינט מען איבעראַל באַ דער אַרבעט. די פרוי גייט אַרויס אַרבעטן, ווייל זי מוז. די פאַרדינסטן פון דעם מאַן זיינען אָפט ניט גענוג אויף צו קענען אָנפירן די הויז־ווירטשאַפט, האָבן גענוג צום עסן, צום קליידן זיך. אפילו באַלד נאָך דער חתונה, ווען מען איז נאָך בלויז אַ פּאָר פּאָלק, סטייעט ניט די שכירות פון דעם מאַן צו „מאַכן אַ לעבן", איבערהויפּט ווען עס קומען צו קינדער.

וויפיל פרויען כאַפּן זיך אויף באַגינען צו לויפן אין פאַבריק — מידע, ניט־אויסגערוטע פון יאָרן אָנגעשטרענגטער אַרבעט, אָן וואַקאַציע, אָן אָפּרו. גאַנץ אָפט נאָך אַ פּאָר טעג אין שפּיטאָל, וואו זיי האָבן נאָר־וואָס געבוירן אַ קינד.

וויפיל פרויען מוזן מיט אַ שווערן געמיט זיך צעשיידן פון זייערע פּיצלעך קינדער, איבערלאָזנדיק זיי אַליין אין שטוב אויף אַ גאַנצן טאָג, אָן אויפזיכט, אָן הילף — מיט אַ ביסל קאַלט עסן, אין אַ קאַלטער שטוב, ווייל עס איז קיינער ניטאָ צו האַלטן דאָס פייער אין אויוון אָדער אָנ־וואַרעמען דאָס ביסל מילך. מיט וואָס פאַר אַ געמיט אַזאַ מאַמע אַרבעט אַפּ איר טאָג — אָפט עלף־צוועלף שעה, אין אַ פאַבריק, וואו די אַרבעטער זיינען ניט אָרגאַניזירט אין קיין יוניאָן און וואו דער באַלעבאָס סטראַשעט זיי מיט אַרויסוואַרפן אין גאַס, ווען זיי פּרוּוון איינציקווייז זיך באַקלאָגן אויפן צו־לאַנגן אַרבעטס־טאָג, אָדער וועגן אַנדערע שלעכטע באַדינגונגען.

פרויען זיינען נאָך אין דעם 18טן יאָרהונדערט אַריינגעטראָטן אַרבעטן אין פאַבריקן, ווען די באַלעבאַטים פון גרויסע אונטערנעמונגען האָבן גערופן די פרויען אַריינגיין אַרבעטן און ווען זיי האָבן דער פרוי געצאָלט האַלב פון דעם לוין וואָס מענער פלעגן באַקומען. זינט דעמאָלט האָבן

פֿאַבריקאַנטן איבער דער גאַנצער וועלט אויסגענוצט די ביליקע פֿרויען־אַרבעט אין קאַמף מיט די עקאָנאָמישע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער.

די פֿרויען זיינען געקומען פֿון דעם הונגעריקן דאָרף, אָדער פֿון די „סלאָמס", פֿון עק שטאָט. זיי און זייערע משפּחות האָבן געהונגערט. זיי האָבן ווי הונגעריקע חיות זיך געוואָרפֿן אָפֿן שטיקל טרוקענעם ברויט, וואָס די פֿאַבריק האָט זיי געוויזן. אַף אַזאַ אופֿן האָבן די באַלעבאַטים אויסגענוצט די פֿרויען פֿאַר אַ ביליקערן לוין צו אַרויסרייסן בא די מענער די אַרבעט פֿון די הענט און דאָס ביסל עסן פֿון מויל.

אַף דער גאַנצער וועלט, וואו עס הערשט די עקאָנאָמישע סיסטעם פֿון קאַפּיטאַליזם, זיצן מיליאָנען פֿרויען איינגעבויגן איבער דער מאַשין, צו הונדערטער אין אַ זאַל, אָפֿט מיט פּיצלעך קינדער אָפֿן רוקן, ווי אין כינע, אינדיע, אָדער מעקסיקאָ, און גיבן אַוועק זייער יוגנט, זייער געזונט, זייער בלוט צו באַרייכערן אַזעלכע מיליאָנען ווי באַרבאַראַ האָטאָן — די באַלעבאָסטע פֿון די 5־ און 10־סענט סטאָרס, אָדער ווי די פֿאַמיליע דיופּאָנט — די רייכסטע אַמוניציע־מאַגנאַטן אין אַמעריקע, אָדער הענרי פֿאָרד, אָדער די גודריטשעס — די גומע־פֿאַבריקאַנטן אין עקראָן, אָהייאָ, וואו טויזנטער מיידלעך אַרבעטן יאָר־איין, יאָר־אויס באַם קאָנוועיער, בא דעם פֿאַבריקס־באַנד, וואָס לויפֿט איבער דער גאַנצער פֿאַבריק און וואו זיי מוזן יעדע באַוועגונג אויסרעכענען און נאָכיאָגן די מאַשין.

און אין דער היים וואַרט אַן אַלטע מאַמע, אַ קראַנקע, אָדער קליינע קינדער, אַליין, אָפּגעלאָזן, אָן אַן אויפֿזיכט, אָן אַ קינדערגאָרטן, וואָס זאָל אַלע קינדער פֿאַראייניקן אונטער דער אויפֿזיכט פֿון אַ לערערין אָדער אַ פֿלעגערין (נוירס) און וואָס זאָל דאָס קינד אָפּהיטן ביז די מאַמע וועט קומען צוריק — אַזוי ווי עס איז איינגעאָרדנט אין די פֿאַבריק־יאַסלעס אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, וואו יעדע אונטערנעמונג, יעדער זאַוואָד האָט קינדער־היימען, קינדער־שפּילפּלעצער, זויבערע, ריינע שטובן מיט אַ דאָקטאָר און אַ פֿלעגערין, וואָס האַלטן דאָס קינד און קאָרמענען עס ביז די מאַמע נעמט עס צוריק אַהיים — וואָס איז ניט ווייט פֿון דער פֿאַבריק.

יונגע, פֿרישע מיידלעך שטייען אָפּ יאָרן בא פֿאַרקויף־טישן אין געוועלבער (דעפּאַרטמענט־סטאָרס, אָדער אַנדערע געשעפֿטן), אָדער לויפֿן אַרום איבערן רעסטאָראַן און דערלאַנגען עסן, ווישן די טישן, וואַשן דאָס געפֿעס, זיצן בא דער קאַסע און זיינען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר יעדן סענט, פֿאַר יעדן פֿאַלשן דאָלאַר־ביל, וואָס אַ קונה דערלאַנגט זיי; מוזן שמייכלען פֿריינטלעך, מוזן זיך אָנטאָן שיין, מוזן זיין עלעגאַנט פֿאַרקאַמט און געפּוצט — אַז ניט, וואַרפֿט דער באַלעבאָס זיי אַרויס. און באַם ערשטן סימן פֿון מידקייט אָדער קראַנקהייט, באַם ערשטן סימן פֿון אַ קנייטש אָדער אַ גרויע האָר הענגט מען אַרויס אַ צעטל: „מיר ווילן יונגע מיידלעך — ניט אַלטע פֿרויען."

עס איז אַ ביטערער געלעכטער, ווען אַ מיידל פֿון 25 יאָר, אָדער אַ פֿרוי פֿון 29, ווערט אָנגערופֿן „אַלט" און באַקומט ניט קיין אַרבעט — בעת 60־יאָריקע מיליאָנערסקע פֿרויען פּוצן זיך און באַדעקן זייער אָפּ־געלעבטן פּנים מיט „רוזש" און פֿאַרב און פּודער און באַדעקן די הויט

מיט אַ מאַסקע פון מאַרמאָר פאַר שווערע טויזנטער באַ כירורגישע דאָק־טוירים, כדי צו פירן זייערע ראַמאַנען און אויסהאַלטן יונגע „זשיגאָלאָס”, טענצער און זינגער, מיט זייערע מיליאָנען. אָבער פאַר דער פאַבריק: גיב אַהער יוגנט, קינדער; וואָס אינגער אַלץ בעסער! לויט אַ סטאַטיסטיק פון 1933, וואָס די לעיבאָר ריסוירטש ביוראָ האָט פאַרעפנטלעכט, זיינען בלויז אין דער שטאָט ניו יאָרק העכער צוויי הונדערט טויזנט מיידלעך אונטער 16 יאָר אַלט געווען באַשעפטיקט בײַ פאַרשיידענע אַרבעטן. אַ זעקסטל פון אַלע אַרבעטנדיקע פרויען זיינען מיידלעך אינגער פון 20 יאָר. פון יעדע צען מיידלעך זיינען פיר וויניקער ווי 25 יאָר אַלט. אין דער אַמוניציע־פאַבריק פון ברידזשפּאָרט, קאָנעקטיקוט, זיינען מער ווי האַלב פון די מיידלעך אונטער 24 יאָר אַלט. אַ דריטל פון אַלע יוגנטלעכע אין פאַבריקן זיינען מיידלעך אינגער פון 20 יאָר. צוויי־דריטל זיינען בחורים אונטער 20 יאָר אַלט.

אַף די פעלדער אַרבעטן נאָך מער פון די גאָר יונגע — באַלד נאָך זיי גייט די שטאָט און די פאַבריק. הויז־אָנגעשטעלטע פרויען אין אַמע־ריקע שטעלן מיט זיך פאָר אַ גרויסע גרופּע: דריי מיט אַ האַלב מיליאָן — דינסטמיידלעך, וועשערינס, האָטעל־באַדינערינס.

פרויען פאַרם־אַרבעטערינס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר לוין, האָבן אין 1932 דערגרייכט אַ צאָל פון 909 טויזנט, אַ פאַרגרעסערונג אין צאָל אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1920. דאָס איז דערפאַר, וואָס דער גרויסער קריזיס פון 1929—1935 האָט צעשטערט אַ סך פאַרמער־פאַמיליעס דאָ אין לאַנד; די פאַמיליע איז צעריסן געוואָרן — די פרוי איז אַוועק זוכן אַרבעט אין שטאָט, אָדער דער מאַן, און די הויז־פרוי איז געוואָרן אַ הויז־אַרבעטערין בײַ רייכע לאַנד־באַזיצער.

אַף הויכע פּאָסטנס זיינען פאַרנומען אַרום 125 טויזנט פרויען, וואָס אַרבעטן פאַר הויכע געהאַלטן — פּראָוואַלטערינס, אָדער אינספּעק־טאָרינס, און זיינען דערפאַר מער פאַרבונדן מיט די באַלעבאַטים.

צווישן 1920 און 1930 זיינען געווען צען מיליאָן מיט זיבן הונדערט און פופציק טויזנט פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר געלט. דאָס הייסט — ניט קיין הויז־פרויען — אַן ערך 11 מיליאָן. און גראָד אין די 10 יאָר האָט זיך די צאָל פרויען־אַרבעטערינס פאַרגרעסערט אַף 26 פּראָצענט. די צאָל מענער־אַרבעטער איז אין די זעלבע צען יאָר פאַרגרעסערט גע־וואָרן ניט מער ווי אַף 15 פּראָצענט. דאָס באַדייט, אַז פרויען, צוליב דעם וואָס זיי אַרבעטן פאַר אַ קלענערן לוין ווי מענער, שטופּן אַרויס מענער פון דער אינדוסטריע.

דאָס איז בלויז מעגלעך אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס שטיצט זיך אַף אַ ברוטאַלן כוח און קעמפט געגן אַרבעטער, געגן זייערע אָרגאַניזאַציעס און געגן דער אַרבעטער־פרוי, צאָלנדיק איר וויניקער פאַר דער אייגענער אַרבעט איידער דעם מאַן.

אָבער די פרוי קומט צו זיך. זי וואַכט אויף. און ווען זי הויבט אָן צו קעמפן פאַר אירע רעכט, ווען זי גייט אַרויס מיט פאָדערונגען,

איז זי אַן אומבאַזיגבאַרע קראַפט, איז זי אַן עקשנות'דיקע און מוטיקע קעמפערין.

מער ווי מיט הונדערט יאָר צוריק, אין 1828, זיינען מיידלעך אין די טעקסטיל־פאַבריקן פון דאָווער, ניו־העמפּשייר, אַרויס אין סטרייק געגן אַ נייער סיסטעם פון שטראָף־אָפּצאָלונגען, וואָס די פאַבריק־פאַרוואַלטונג האָט אַף זיי אַרויפגעלייגט. זיי האָבן דעם קאַמף געוואונען. און קעמפנדיק ביז היינט, האָבן די פרויען פון די קוילנגרעבער אין קענטאַקי, אין 1932, צוזאַמען מיט זייערע מענער געסטרייקט און געפּיקעט. צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן האָבן זיי געשטיצט די מענער אין זייערע גערעכטע פאָדערונגען; אַזוי אויך די מיידלעך אין וואָלוואָירט'ס פינף־ און צען־סענט סטאָרס אין פאַרשיידענע טיילן פון דעם לאַנד.

מיליאָנען פרויען אַרבעטן אין אַמעריקע פאַר אַ הונגער־לוין.

וויפיל מוז אַן אַרבעטער־פרוי האָבן אַ וואָך אַף צו קענען דורכקומען? לויט סטאַטיסטישע ציפערן פון דער פרויען ריסוירטש־ביוראָ, מוז זי האָבן אַ מינימום פון $17.20 אַ וואָך, ווי פאָלגט:

פרישטיק — — — — — —	$2.10
לאָנטש — — — — — —	2.10
דינער — — — — —	3.50
אַ צימער — — — —	4.00
וועש — — — — — — —	.50
צייטונג, מואווי — — —	1.00
קליידונג — — — — —	1.50
דאָקטאָר, דענטיסט — —	1.50
סאָבוויי — — — — — —	1.00
	$17.20

די זעלבע ביוראָ האָט אויסגעפונען, אַז מער ווי אַ העלפט פון די אַרבעטערינס דאָ אין לאַנד באַקומען ווייניקער ווי 17 דאָלאַר אַ וואָך און אַ סך באַקומען ווייניקער ווי 10 דאָלאַר — איז דער „קענדי"־אינדוסטריע איז דער לוין 12 דאָלאַר אַ וואָך. ווי אַזוי קענען זיי אויסקומען מיט אַזעלכע מיזערנע פאַרדינסטן?

און נעגער־פרויען? די וואָס ציטערן אין דער סאַוט אויפצוהויבן זייער קאָפּ, שוין אָפּגערעדט פון זייער קול? זיי ווערן נאָך שטאַרקער עקספּלואַטירט ווי די ווייסע אַרבעטערינס.

לויט דעם „דעפּאַרטמענט אָוו לעיבאָר ענד אינדוסטריע", קריגט אין ווירדזשיניאַ אַ ווייסע פרוי 21 סענט לוין פאַר אַ שעה אַרבעט, און אַ נעגערין — 16½ סענט פאַר דער אייגענער אַרבעט אין דער שווערער אינדוסטריע. די ווייסע פרויען באַקומען אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין ווירדזשיניאַ 27 סענט אַ שעה, נעגערינס — 16 סענט. אין פיר שטאַטן פון אַמעריקע האָבן פרויען־נעגערינס אין דורכשניט פאַרדינט ווייניקער ווי דריי הונדערט דאָלאַר אַ יאָר. געננוי: $5.77 אַ וואָך!

די ציפערן רעדן פֿאַר זיך. זיי שרייען. זיי רופֿן די פֿרוי, וואָס אַרבעט, צו דער פֿאַרטיידיקונג פֿון איר לעבן, פֿון דעם לעבן פֿון אירע קינדער. אַ הייפֿעלע מענטשן פֿאַרמאָגט מיליאָנען און מאַכט הונדערטער טויזנטער דאָלאַר פּראָפֿיטן פֿון פֿרויען־הענט. טויזנטער פֿרויען נעכטיקן אין פּאַרקס, האָבן ניט קיין היים, ווערן פֿון הונגער געטריבן צו פּראָסטיטוציע, אייניקע ווערן געטריבן צו זעלבסטמאָרד, צו פֿאַרברעכנס — און די קינדער און פֿרויען פֿון די באַלעבאַטים, אַף וועלכע זיי אַרבעטן, באָדן זיך אין לוקסוס, פּאַקן אָן די טעאַטערס, די זומער־פּלעצער, די שיפֿן, די באַנען, די פּריוואַטע קאַרס.

די גלחים און רבנים פֿאַרטויבן די אויערן פֿון די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיין גוט און פֿרום, איבערהויפּט פֿרום — כּדי זיי זאָלן דינען די באַלעבאַטים געטריי. די גלחים און רבנים און אַנדערע קאָזאַקן פֿון גאָט׳ס אַרמיי דינען אויך זייער געטריי די באַלעבאַטים און קריגן פֿאַר זייער „אַרבעט״ גאָרניט שלעכט באַצאָלט.

דער אַרבעטער און זיין פֿרוי ווייסן — אַלנפֿאַלס דאַרפֿן זיי וויסן — אַז מען שרעקט מיט גאָט דעם נאַייוון, שטומען שקלאַף, און אַז די באַפֿרייאונג פֿון דעם אַרבעטער איז די זאַך פֿון אַרבעטער גופֿא, ניט פֿון אַ גאָט אָדער פֿון גאָט׳ס אַ סטראַפּטשע. ניט אומזיסט זאָגט אַן אַלט גלייכווערטל פֿון דעם רוסישן פֿאָלק: „האָף אַף גאָט, אָבער האַלט די אויגן אָפֿן...״

די פֿרויען טוען די אייגענע אַרבעט ווי די מענער. זיי זיינען פּונקט אַזוי פֿייאיק, געלערנט, פֿאַראַנטוואָרטלעך, „עפֿישיענט״. דערפֿאַר מוזן זיי צוגלייך מיט די מענער קעמפֿן פֿאַר זייער באַפֿרייאונג און פֿאַר גלייכע רעכט. אַזעלכע באַפֿרייטע פֿרויען זיינען שוין דאָ. נייע פֿרויען. גליקלעכע פֿרויען, וואָס באַשאַפֿן אַ נייעם, גליקלעכן דור, וואָס האָבן אַליין אויך אַמאָל שווער געליטן, שווער געאַרבעט, שווער געלעבט — וואָס האָבן אָבער צוזאַמען, אינאיינעם מיט די אַרבעטנדיקע, מיט דער אינטעליגענץ, מיטן האָרעפּאַשנעם מיטלשטאַנד זיך אָנגעשטרענגט און געוואָרן פֿריי — דאָס זיינען די סאָוועטישע פֿרוען.

7. די נייע פרוי

א) אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

די דורכשניטלעכע אַמעריקאַנער פרוי האָט וויייניק געהערט וועגן אַ פרוי, וואָס סיי איר אַרבעט, סיי איר פּערזענלעכער לעבן, סיי אירע אַמביציעס, חלומות, פּלענער, פּאַרווייילונגען — מיט איין וואָרט: איר גאַנצער זיין זאָל עפּעס ווערן אַ נייער, אַן אַנדערער, ווי פון יעדער פרוי אין דער וועלט.

די דורכשניטלעכע אַמעריקאַנערין האָט וויייניק־וואָס געהערט וועגן דער פרוי אין אַ ווייט, ווייט לאַנד, וואָס איז אַמאָל געווען דאָס היימלאַנד פון טויזנטער רוסישע, פּוילישע, ליטווישע, אוקראַינישע און אידישע עמיגראַנטן, וואָס זייענען היינט אין אַמעריקע און וועמעס קינדער זיצן באַ דער ראַדיאָ און הערן זיך צו אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך צו דער ענגלישער שפּראַך, וואָס וויייניק טאַטעס און מאַמעס האָבן זי זיך אויס־געלערנט גוט.

און דאָך וואָלט יעדע אַמעריקאַנער אַרבעטער־פרוי, יעדע הויז־פרוי און יעדע מוטער געדאַרפט זיך באַקענען נעענטער מיט אָט דער נייער פרוי — אין דעם ווייטן פון אַמעריקע לאַנד, אין אַמאָליקן צאַרישן רוס־לאַנד — היינט סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס בויט אַ סאָציאַליסטיש לעבן אויף נייע יסודות. דאָס גרויסע רוסלענדישע פאָלק, וואָס באַשטייט פון 176 מיליאָן איינוואוינער און וואו עס גייען אַריין העכער 150 פעלקער, נאַציאָנאַליטעטן און שבטים, ווערט רעגירט דורך ראַטן — אויף רוסיש: „סאָוועטן” — צו וועלכע זיי קלייבן אויס זייערע פאַרטרעטער. דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט דורך דער העלדישקייט און מסירת־נפש פון זיינע בעסטע מענער און פרויען, יוגנט און אינטעליגענץ, אַראָפּגעוואָרפן די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, פון דעם צאַר און זיין פּאָליציי, זיינע זשאַנדאַרן און שפּיאָנען און זיך גענומען בויען אַ ניי לעבן, אויף אַנדערע יסודות ווי ביז אַהער און ווי זיי עקזיסטירן נאָך אין די איבעריקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די ערד האָט מען צוגענומען באַ די פּריצים און אָוועקגעגעבן צו די אָרעמע פּויערים, וואָס באַאַרבעטן זי צוזאַמען, קאָלעקטיוו. יעדער דאָרף הייסט דאָרטן „קאָלווירט” (אַ קאָלעקטיווע, געמיינזאַמע ווירטשאַפט — באַלעבאַטישקייט). די רעגירונג איז אַן אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג. זי גיט די פּויערים מאַשינעריע, טראַקטאָרן, טראָקס, בויט וועגן, שולן, פירט איין עלעקטרישע קראַפט און באַלייכטונג, אָרדנט איין קאָ־אָפּעראַטיווע געוועלבער, רעמאָנטירט־אויס אַלטע הייזער און בויט נייע.

די פרוי דאָרט איז גלייכבארעכטיקט מיטן מאַן. זי האָט די זעלביקע רעכט און די זעלביקע פליכטן. איר אַרבעט ווערט אַזוי אָפּגעשאַצט, ווי

די אַרבעט פֿון מאַן. ניטאָ קיין נידעריקערער לוין פֿאַר דער פֿרוי און אַ העכערער פֿאַר דעם מאַן. די פֿרוי אַרבעט אין פֿעלד, אין שטאַל, אין וויינגאָרטן, אין וואַלד, אין דער שול, אין שפּיטאָל, אין דעם אַפּטייק, אַף די באַנען און שיפֿן, אין דער מאַין, אין דער אַרמיי. כדי זי זאָל אָבער קענען אומגעשטערט אַרבעטן, נעמט די רעגירונג פֿון איר אַראָפּ דעם קלאָפּאָט פֿון הויז־אַרבעט און פֿון האָדעווען אירע קינדער. יעדער „קאָל־ווירט" האָט אַ קינדער־יאַסלע („נוירסערי"), וואו אַ דאָקטאָר און אַ פֿלעגערין (נוירס) זיינען מיטן קינד דורכן טאָג און וואו די מוטער קומט עטלעכע מאָל אַ טאָג אָנקאָרמענען דאָס קינד (אָנזויגן). נאָך דער אַרבעט נעמט זי עס אַהיים, צו זיך. ווייל זי דאָס קינד איבערלאָזן אַף דער נאַכט, קען זי דאָס אויך טאָן. קינדער, וואָס האָבן זייער מאַמע פֿאַרלוירן דורך אַן אומגליקספֿאַל, ווערן טאַקע דאָרט געהאָדעוועט, און אַ צווייטע פֿרוי, אַ שכנה, קומט אָנזויגן דאָס פֿרעמדע קינד צוגלייך מיט איר אייגענעם.

אין יעדן דאָרף איז פֿאַראַן אַ שול פֿאַר קינדער און קורסן פֿאַר יונגטלעכע, וואָס ווילן זיך אויסלערנען אַ מלאכה און בלייבן אַרבעטן אין דאָרף. ווען אַ קינד איז פֿייאיק און וויל זיך ווייטער לערנען און אין דאָרף איז ניטאָ קיין העכערע שול, שיקט אים דער „סאָוועט", דער דאָרפֿסר־ראַט, אין אַ גרויסער שטאָט, אַפֿן חשבון פֿון דער רעגירונג. אין שטאָט זיינען אין יעדן זאַוואָד, אין יעדער פֿאַבריק פֿאַראַן אויך קינדער־יאַסלעס און אַ קינדערגאָרטן — פֿאַר גאָר קליינע זויג־קינדער און פֿאַר גרעסערע.

די אַרבעטערין, וואָס אַרבעט אין פֿאַבריק — ניט ווייל זי מוז, נאָר ווייל זי וויל ניט זיין קיין פּאַראַזיט, קיין אומזיסטע עסערין, קיין ליידיק־גייערין — טראָגט אויך אַוועק דאָס קינד אין דער שיינער, ריינער קינדער־היים און איז פֿריי און רואיק אַף איר אַרבעט. זי עסט אויך אין פֿאַבריקס־קיך, אויב זי וויל. אַף אַזאַ אופֿן האָט זי נאָך מער צייט און איז ניט אַזוי פֿאַרמאַטערט פֿון דער טאָפּלטער אַרבעט, ווי די פֿרוי אין אַנדערע לענדער — ווי מיר האָבן עס שוין געזען אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען.

די פֿאַבריק איז ניט דאָס אייגנטום פֿון אַ פֿאַבריקאַנט, נאָר זי געהערט צו די אַרבעטער, צום פֿאָלק. די פֿאַבריק ווערט פֿאַרוואַלטעט פֿון אַן אַרבעטער־קאָמיטעט, אויסגעוויילט פֿון דעם קאָלעקטיוו פֿון אַלע אַרבעטער פֿון דער פֿאַבריק. אַרבעט זיך טאַקע גאַנץ אַנדערש אין אַ פֿאַבריק, וואו די אַרבעטער זיינען די באַלעבאַטים. דאָ זיינען די אַרבעטער פֿאַראינטערעסירט, אַז די פּראָדוקציע זאָל טאַקע זיין אַ גוטע, אַז די קאָסטן זאָלן זיך שטענדיק פֿאַרקלענערן, די שכירות פֿאַרגרעסערן און די פּראָפֿיטן זאָלן פֿאַרנוצט ווערן אַף אויסבויען בעסערע וואוינונגען פֿאַר די אַרבעטער, טעכניקער, אינזשענערן און קאַנטאָר־אָנגעשטעלטע ; בעסערע און שענערע שולן, שפּיטאָלן, אָפּרו־הייזער און דאַטשעס—זומער־פּלעצער פֿאַר דעם אַרבעטער.

יעדער אַרבעטער און יעדע אַרבעטערין באַקומען איין מאָל אין יאָר וואַקאַציע פֿון 2 וואָכן ביז אַ מאָנאַט מיט דעם געהאַלט אויסגעצאָלט און מיט אַן אָרט אין אַ סאַנאַטאָריע, אָדער אַן אָפּרו־הויז, וואָס יעדע

פאַבריק האָט אין די בערג אָדער אַפּן ברעג פון ים — אין קרים אָדער קאַווקאַז, אָדער אַף דעם וואָלגע־טייך. דער אַרבעטס־טאָג אין פאַבריק איז 7 שעה, אין דער שאַכטע (מאַין) — 6 שעה. דער אַרבעטער באַקומט אומזיסטע מעדיצינישע הילף, אין הויז און אין שפּיטאָל. ער ווערט אויך געשיקט אין מיטן יאָר אַף קוראַציע, אויב זיין געזונט פאָדערט עס.

אַז אַן אַרבעטער־פרוי דאַרף געבוירן אַ קינד, באַקומט זי אַ „דעקרעט־וואַקאַציע" פון 4 מאָנאַטן — מיט אויסגעצאָלטן געהאַלט — סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף, ווען זי דאַרף געבוירן אַ קינד: 2 מאָנאַטן פאַרן געבורט און 2 מאָנאַטן נאָך דעם געבורט פון דעם קינד. אין די גרויסע שטעט און אין פּראָווינץ־שטעט זיינען איינגעאָרדנט ספּעציעלע „הייזער פאַר מוטער און קינד", וואו מען לערנט דער יונגער מוטער ווי זיך צו באַגיין מיטן קינד או זווי עס צו דערציען — אין פאַל זי אַרבעט ניט און וויל איר קינד אַליין דערציען די ערשטע וואָכן.

אין יעדן דאָרף און אין יעדן פאַבריק־הויף זיינען דאָ אָוונט־קורסן, וואו די פרוי קען זיך אויסלערנען לייענען, שרייבן און אַ פּראָפעסיע, כדי צו ווערן זעלבסטשטענדיק. די קורסן קאָסטן קיין געלט ניט.

אַף די וואָקזאַלן פון די באַנען זיינען דאָ ספּעציעלע צימערן „פאַר מוטער און קינד", וואו די פרוי קען איבערוואַרטן די צייט מיט איר קינד ביז איר צוג קומט — אין וואַרעמקייט און קאָמפאָרט. דאָרט איז אויך פאַראַן אַ דאָקטאָר און אַ נוירס.

אין די שולן באַקומען די קינדער הייסע פרישטיקס. לעבן אַ שול איז פאַראַן אַ קינדער־קלוב און אַ „טעכנישע סטאַנציע", וואו קינדער קענען נאָך דער שול פאַרברענגען, שפּילן, מוזיק זיך לערנען, און דאַרפן זיך ניט וואַלגערן אין גאַס מיט דער פּילקע (באָל), ווי אין אַמעריקע, צווישן טראָקס, קידנעפּערס און „האָלד־אַפּ"־צופאַלן.

אָבער דאָס שענסטע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די גרויסע אַכטונג צו דער פרוי, די ליבשאַפט צום קינד — אמת'ע ליבשאַפט, ניט די פילאַנטראָפּיע פון „סאָסאַיעטי־לעידיס", וועלכע וואַרפן צו אַ שמייכל; פון אַ ראַקעפעלער, וועלכער האָט געהאַט אַ טבע צו אויסטיילן „דאַימס" (צען־סענטיקע) צו קינדער און גלייכצייטיק עקספּלואַטירט די אַרבעטער, ווען קינדער ליידן בסדר נויט און הונגער.

די אמת'ע אַכטונג צו דער פרוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד באַשטייט אין דעם, וואָס קיינער פרעגט זיך באַ איר ניט אַז צי זי איז פאַרהייראַט, צי ניט, צי איר קינד האָט אַ „געזעצלעכן" פאָטער — וואָס שטייט באַ איר אַפּן פּאַס, צי ניט. איר קינד איז פולבאַרעכטיקט, אויב אַפילו זי האָט ניט געהייראַט געזעצלעך. און דאָס קינד טראָגט איר נאָמען, אויב זי וויל — אָדער וועלכן אַנדערן נאָמען. און עס איז אָנערקענט פון דער רעגירונג.

די פרוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ מדרגה, ווי אין ערגעץ ניט אין דער גאַנצער וועלט. איר עלטער איז פאַרזיכערט פונקט ווי דעם אַרבעטער'ס מיט אַ פּענסיע. זי איז פריי זיך צו פאַראייניקן מיט וועמען זי וויל. זי איז פריי זיך צו שיידן — זי איז זעלבסטשטענדיק.

זי מוז ניט דוקא אָפּלעבן אירע יאָרן מיט אַ מענטשן אונטער איין דאַך בלויז צוליב דעם שטיקל ברויט, כאָטש זי האָט אים ניט ליב. אָויב ניט די שרעק פון הונגער, איז עס אַמאָל די מורא פאַר אַ „סקאַנדאַל" — „וואָס וועלן בייזע צינגער זאָגן?"

די פרוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרמעסט זיך אין די גרעסטע און וויכטיקסטע אַרבעטן מיט דעם מאַן; זי דרינגט אַריין אין יעדן געביט פון פּראָדוקציע, אָן מורא אַז דורך דעם וועט זי אָפּנעמען דאָס שטיקל ברויט באַ אַן אַרבעטער־מאַן. ערשטנס דערפאַר, וואָס די שכירות זיינען די זעלבע פאַרביידע געשלעכטער; צווייטנס, ווייל קיין פּראָפיט־מאָטיוון זיינען ניטאָ.

עס זיינען דאָ פרויען אין די וויכטיקסטע אַמטן, סיי אַף רעגירונגס־פּאָסטנס, סיי אין דער וויסנשאַפט, אין דער קונסט ווי אין דער שווערער אינדוסטריע. פאַראַן אַפילו פרויען־קאַפּיטאַנען פון שיפן און פון אייזנבאַן־טראַנספּאָרט, באַ לופט־פליערייַ, טראַקטאָריסטקעס און אַזוי ווייטער.

אַף אַ צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן פון אַלע סאָציאַליסטישע רע־פּובליקן פון דעם גרויסן לאַנד קומען זיך צונויף עטלעכע הונדערט פרויען־דעלעגאַטן, אָנגעטאָן אין די נאַציאָנאַלע קאָסטיומען פון דער געגנט אָדער פון דער נאַציאָנאַלער רעפּובליק, וואָס זיי פאַרטרעטן. אַף אָט דעם וועג גייט די נייע פרוי. דעם וועג האָט זי אויסגעקעמפט אין שווערע קאַמפן צוזאַמען מיט איר חבר און איר קלאַס.

אַף דער נייער פרוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קוקן אַלע האָרעפּאַשנע פרויען פון דער גאַנצער וועלט; אַלע הויז־פרויען, וועלכע זיינען פאַר־שקלאַפט אין שווערן יאָך פון טעגלעכער אַרבעט און זאָרג, אַלע יוגנט־לעכע אָפיס־אַרבעטערינס, וואָס מוזן קלייבן געלט צו גרינדן אַ פאַמיליע; אַלע פאַבריק־אַרבעטערינס, וואָס ווייסן, אַז בלויז דורך קאַמף און אָרגאַני־זאַציע וועלן זיי אויך ווערן נייע פרויען.

ב) אין שפּאַניע

נאָך ווייניקער האָט דער גרויסער עולם אין אַמעריקע געוואוסט און געהערט וועגן דעם קליינעם לאַנד, וואָס שפּאַרט זיך אָן פון איין זייט אַף דרום־פראַנקרייך און פון די איבעריקע זייטן — אַפן ים, אַפן מיטל־לענדישן ים.

מען האָט פּונקט אַזוי ווייניק געוואוסט דאָ וועגן שפּאַניע, ווי מען האָט מיט הונדערט יאָר צוריק געהערט וועגן די קליינע לענדער, וואָס ליגן באַם גריכישן ים און אַף די באַלקאַן־בערג. מען האָט וועגן זיי דערהערט ערשט דאַן, ווען זיי זיינען אַרויס אין אַ העלדישן קאַמף געגן זייערע אייביקע אונטערדריקער — די טערקן.

דאָס קליינע גריכנלאַנד, בולגאַריע, סערביע, מאַקעדאָניע זיינען איינע נאָך די אַנדערע אַרויס זיך פאַרטיידיקן געגן זייערע פאַרשקלאַפער. ערשט דאַן האָט דער ברייטער עולם וועגן זיי דערהערט און זיך אין זיין פאַראינטערעסירט. אַ קליין דערפל אין גריכנלאַנד איז געווען כמעט דאָס

איינציקע, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, האָט העלדיש געקעמפט געגן אַ גרעסערער קראַפט פון טערקן. אָט דער העלדישער קאַמף האָט באַגייסטערט אַ סך אייראָפּייאישע מענער, גרויסע פּאָעטן און פּשוט׳ע קעמפער און זיי זיינען אַוועק העלפן דעם קאַמף פאַר דער פרייהייט פון דעם גריכישן פאָלק. צווישן זיי איז אויך געווען דער גרויסער ענגלישער דיכטער, לאָרד בייראָן.

און אויך וועגן שפּאַניע האָבן אַ סך דערהערט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ווילדן אָנפאַל אַף אַ געזעצלעך־דערוויילטער רעגירונג, וואָס דער פאַשיסטישער גענעראַל פראַנציסקאָ פראַנקאָ האָט געמאַכט. ער איז אַ ביטערער געגנער פון דער דעמאָקראַטישער פאָלקס־פראָנט רעגירונג, וואָס איז דערוויילט געוואָרן אין חודש מאַי, 1936, און וואָס האָט אָנגעהויבן דורכצופירן אַ סך וויכטיקע רעפאָרמעם לטובת די פּויערים פון שפּאַניע, וואָס האָבן שטענדיק געלעבט אין אַ גרויסער אָרעמקייט, אָן ערד, און וועלכע זיינען אינגאַנצן געווען פאַרשקלאַפט צו די רייכע פריצים און צו די קלויסטערס, וואָס פאַרמאָגן מיליאָנען אַקער באָדן, וואָס ווערט באַ־אַרבעט פון אָרעמע פּויערים.

די געזעצלעכע רעגירונג האָט זיך אויך גענומען פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער אין די אינדוסטריעס, זיך גענומען בויען שולן פאַר קינדער, מעדיצינישע פּונקטן פאַר פרויען און אַלטע מענטשן, האָט אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון דער שטאָטישער אָרעמשאַפט, פון די קליינע הענדלער און פּעדלער, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין קרעדיטן — אין הלוואות, ווייל זיי זיינען רואינירט געוואָרן פון הויכע שטייערן און שטראָפן. מיט איין וואָרט: די שפּאַנישע רעפּובליק האָט אָנגעהויבן איר שווערע אַרבעט צו פאַרניכטן די ירושה פון דעם מיטלאַלטערלעכן שפּאַנישן מאָנאַרכיזם און דעספּאָטישן פעאָדאַליזם. און מיטאַמאָל — דעם 19טן יולי, 1936 — אַן אויפשטאַנד פון דעם מיליטער אונטער דער אָנפירונג פון די גענעראַלן פראַנקאָ, מאָלאַ און דע־ללאַנאַ געגן דעם פרידלעכן פאָלק. און ניט סתם אַן אויפשטאַנד צו פאַרכאַפּן די מאַכט, נאָר צו פאַרניכטן, פיזיש צו פאַרניכטן אַלע פּראָגרעסיווע שיכטן פון דעם שפּאַנישן פאָלק, וואָס איז געגן דעספּאָטיזם, געגן פאַשיזם, פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע. דאָס שפּאַנישע פאָלק איז ניט געווען צוגעגרייט צו געבן אַ ווידערשטאַנד די שרעקלעכע כוחות, וואָס האָבן נאָך דערצו אָפן און חוצפה׳דיק געקראָגן הילף סיי פון היטלער׳ן, סיי פון מוסאָליני׳ן מיט טויזנטער האַרמאַטן, מאַשינען־געווער, באָמבעס, עראָפּלאַנען און העכער הונדערט־טויזנט סאָלדאַטן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל פון העלדישע אויפטואונגען אין שפּאַניע, אַ שטיק מאַרטירער־אַרבעט, וואָס פרויען, מענער, קינדער, אַלטע מענטשן האָבן געטאָן און וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

הונדערטער יאָרן פון קייטן, נויט, הונגער האָבן דאָס שפּאַנישע פאָלק געמאַכט פאַר די אומגליקלעכסטע פאָלקס־מאַסן אין דער וועלט. די רעפּובליק האָט זיי אָנגעהויבן אַ ביסל אויסצוגלייכן. און איצט קומט פראַנקאָ און וויל צוריק איינפירן שקלאַפעריי. האָט דאָס פאָלק געזאָגט:

ניין! פון מיליאָנען מיילער איז געקומען: ניין! ניין! ניין! און כאָטש שפּאַניע האָט שוין מער ווי הונדערט יאָר באַ זיך אין לאַנד ניט געזען קיין מלחמה, קיין אויפרייסן, בלוט אין שטראָמען, אויסגע׳הרג׳עטע אין די טויזנטער — האָבן זיך אָבער די מאַמעס און די שוועסטער, די פרויען, ניט אונטערגעגעבן.

אין אַ סך שטעט, ווי אין וואַלענציאַ, באַרצעלאָנאַ, מאַדריד, אָוויעדאָ, אַליקאַנטע, האָט מען דעם פאַשיסטישן אויפשטאַנד מיט דער הילף פון באַוואָפנטע אַרבעטער, פאָלקס־מענטשן און אַ טייל פון דער אינטעליגענץ אונטערגעדריקט. אין די איבעריקע טיילן פון לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה מיטן צוועק צו פאַרטרייבן פון לאַנד די פאַשיסטן און צוריק אָנהויבן בויען די דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

און דאָ האָט די שפּאַנישע פרוי געוויזן איר גייסט, איר מוט, איר ווילן און איר גרייטקייט צו געבן איר לעבן פאַר דעם גליק פון דעם פאָלק. אַרבעטערינס, פרויען, יונגע און עלטערע, האָבן איבערגענומען די אַרבעט פון די מענער, וואָס זיינען אַוועק צום פראָנט און אין די טרענטשעס. אַליץ האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און זיך באַוועגן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד. מיידלעך האָבן גענומען ביקסן, זיך אָנגעהויבן לערנען צו באַנוצן זיך מיט געווער און אַוועק אַפן פראָנט. אַנדערע ווידער האָבן גענומען רעגיסטרירן די קינדער פון די פליכטלינגען, וואָס פלעגן כסדר מיט זייערע עלטערן קומען פון די פאַרנומענע געגנטן און אַזוי אַרום באַזאָרגן די קינדער און דערוואַקסענע מיט אַ היים, מיט אַ ביסל שפּייז און אַ שול — זיי זאָלן ניט ווערן קראַנק און עלנט. די פּאַלאַצן פון די אַנטלאָפענע פאַשיסטן האָט מען פאַרוואַנדלט אין שפּיטאָלן, וואו די פאַר־וואונדעטע רעפּובליקאַנער סאָלדאַטן האָבן באַקומען די ערשטע הילף.

פרויען־אַרבעטערינס זיינען געוואָרן פּראָפּאַגאַנדיסטקעס און זיינען געגאַנגען אין די טרענטשעס צו געבן מוט און האָפענונג די קעמפער, פאַר־זיכערנדיק זיי, אַז אין דער היים זאָרגט מען פאַר זייערע קינדער און מאַמעס, זייער געמיט זאָל זיין רואיק און דער שונא זאָל זיך ניט קענען באַרימען, אַז דורך זיינע באָמבעס און שרפות האָבן די פאַרטיידיקער פאַרלוירן זייערע טייערסטע, זייער משפחה, און אַזוי אַרום פאַרקלענערן זייער מוט.

עס זיינען אַרויסגעקומען פרויען פון פאָלק, וועלכע האָבן דורך זייער געוואַלטיקן מוט אונטערן שונא׳ס פייער באַוויזן אַזאַ העלדישקייט, אַז זייערע נעמען וועלן בלייבן אַף אייביק און זייער געדעכעניש וועט געטראָגן ווערן פון די קומענדיקע דורות פון שפּאַניע און פון דער גאַנצער וועלט.

די פרוי פון אַן אַסטורישן קוילנגרעבער — דאָלאָרעס איבאַרורי, אַ קאָמוניסטישע דעלעגאַטקע צום שפּאַנישן פּאַרלאַמענט, האָט דורך אירע פלאַמיקע רעדעס צו דער פאָלקס־אַרמיי אַזוי געהויבן זייער מוט, אַז צענדליקער טויזנטער יונגעלייט האָבן זיך געשטעלט אַף איר רוף צו דער פאַרטיידיקונג און האָבן אָפּגעראַטעוועט די שטאָט מאַדריד, וואָס פראַנקאָ האָט שוין באַזעצט פון נאָוועמבער 1936 אָן, און קען זי ניט נעמען.

מען רופט זי: „לאַ פּאַסיאָנאַריאַ" — די לײדנשאַפטלעכע רעדנערין. זי וואַרפט קורצע, שאַרפע ווערטער, וועלכע ווערן לאָזונגען פאַר אַ גאַנץ פאָלק, פאַר דער גאַנצער וועלט.

זי איז עס געווען די, וועלכע האָט געשאַפן דאָס העלדישע שאַרפע וואָרט — ווען פראַנקאָ האָט געהאַמערט מיט צענדליקער האַרמאַטן אין די טויערן פון מאַדריד: „נאָ פּאַסאַראַן!" — זיי וועלן ניט דורכגיין!

זי איז עס געווען די, וועלכע האָט אין דעצעמבער 1936 צונויפגעקליבן די רעשטלעך איינוואוינער פון מאַדריד און זיי צוגערעדט צו גיין פאַר־טיידיקן זייער שטאָט, זאָגנדיק: „עס איז בעסער צו זיין אַן אלמנה פון אַ העלד, איידער די פרוי פון אַ שוואַכלינג"; „גייט און פאַרטיידיקט כאָטש אייער לעבן, גיט עס ניט אַוועק אַזוי ביליק — סיי־ווי וועט פראַנקאָ אייך שיסן ווען ער וועט אייך געפינען אין שטאָט."

אין דער שטאָט באַדאַכאָס, וואָס דער פאַשיסטישער גענעראַל מאָלאַ האָט פאַרנומען, האָט מען דערשאָסן 3,500 אַרבעטער, מענער, פרויען און קינדער, וועלכע מען האָט געפונען אין שטאָט. אין הועסקאַ — 1,000, אין מאַלאַגאַ — 2000, אויסער טויזנטער וואָס מען ווייסט וועגן זיי ניט און וועלכע זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן פון די דערפער און זיינען געטויט געוואָרן פון באָמבעס אַף דעם אופן ווי עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן די 800 מענטשן אין גוערניקאַ, וואו נאַצישע פאַשיסטן האָבן דערמאָרדעט מיט באָמבעס און פולעמיאָטן פרידלעכע איינוואוינער און זייערע משפחות.

„עס איז בעסער צו שטאַרבן גייענדיק, איידער לעבן קריכנדיק", האָט גערופן „לאַ פּאַסיאָנאַריאַ". די שפּאַנישע פרוי האָט אויפגעוואַכט. זי האָט דערזען אין דעם קאַמף היינט אַ מיטל צו ווייזן דער וועלט, אַז זי וויל ניט צוריקקומען צו דער אַלטער, פאַרשקלאַפטער אָרדענונג. זי איז געוואָרן די פּראַקטישע טרעגערין פון נייע אידעאַלן. אַ גאַנצע ריי פרויען האָבן זיך אַרויסגערוקט אַלס העלדינען. פון הונדערטער, פון טויזנטער וועט מען זיך דערוויסן ערשט שפּעטער, ווען עדות וועלן דערציילן פון זייערע אויפטואונגען. לאָמיר דערווייל אָנרופן עטלעכע אַזעלכע פרויען:

פראַנציסקאַ קאַסאַלאַנאַ, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן אַ 4־שעה'דיקע פּייניקונג אויסצוזאָגן סודות, און האָט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעגעבן פאַר אירע פּייניקער.

קאַרמען דיאַז, וואָס האָט איר בלוט געגעבן צו פאַרוואונדעטע מיליציאָנערן (סאָלדאַטן).

קאָנטשיטאַ מאַלאַ, אַ העלדישע פליערין, וואָס די פאַשיסטן האָבן אויפגעהאַנגען.

מאַריאַ קאַראַסקאַ, אַ מאַשיניסטקע אַפן פלי־פעלד, וואָס לאָזט ניט אַרויס קיין עראָפּלאַן אין שלאַכט איידער זי קוקט ניט דורך דעם גאַנצן מעכאַניזם.

אַדאַ סאַוועלאַ, אַן 18־יאָריקע אָנפירערין פון אַן אָטריאַד, וואָס האָט זיך געשלאָגן ביז דער לעצטער קויל און איז בעסטיאַליש צעריסן געוואָרן פון די פאַשיסטן.

לינאַ אַזענאַ איז אומגעקומען אין די שלאַכטן מיטן פאַשיזם. זי האָט געשאָסן ביזן לעצטן פאַטראָן און דאַן זיך אַליין דערשאָסן! קענענדיק די פאַשיסטן נאָך פון די קאַמפן אין אַסטוריאַ — אין 1934 — און זיצנדיק באַ זיי אין תפיסה, האָט זי געוואוסט, אַז זיי וועלן זי ווידער מאַטערן. האָט זי העלדיש אַליין געמאַכט אַ סוף פון איר לעבן. לינאַ אַזענאַ איז געוועזן אַ טוערין אין דער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

אידאַ לאַפּוענטע — אַן אַרבעטער־קעמפערין — איז געוועזן אין די פאָדערשטע רייען פון די קאַמפן אַף די שלאַכטפעלדער, האָט אונטערן פייער פאַרבונדן די סאָלדאַטן. איז געפאַלן אַפן פּאָסטן באַ דער הילפס־אַרבעט אַפן שלאַכטפעלד.

צענדליקער און הונדערטער פרויען טוען זייער אַרבעט און מען ווייסט ניט זייערע נעמען. בלויז ווען די פאַשיסטן דערמאָרדן זיי, דערוויסן מיר זיך פון זיי.

דער פאַשיזם — ווי יעדע קאַפּיטאַליסטישע גרופּע — פּרעדיקט שטענדיק, אַז צו דער פרוי מוז מען זיך באַציען אידל: זי איז די מאַמע, די הייליקע. אָבער די שפּאַנישע פאַשיסטן און די דייטשע נאַציס האָבן באַוויזן, וואָס די פרוי איז פאַר זיי: זיי צערייסן זי, זיי פאַרגוואַלטיקן זי, זיי גיבן איבער צו די ווילדע מורן — די אַפריקאַנער סאָלדאַטן — דאָס רעכט צו טאָן מיט די פרויען פון אַ פאַרנומענער שטאָט אָדער דאָרף, וואָס זיי ווילן. ווען זיי גייען אַריין אין אַ דאָרף, נעמען זיי די פרויען באַלד פאַר אַ „משכון” און דערשלאָגן זיך פון די מענער וויכטיקע אינ־פאָרמאַציע. דאַן ערשט דער׳הרג׳ענען זיי די פרויען נאָך אַ סעריע פון שיכור׳ע אָרגיעס.

און דאָס שפּאַנישע פאָלק האַלט אָן דעם קאַמף. פון טויט ווערט געבוירן אַ ניי לעבן, אַ נייער דור, אַ העלדישקייט, אַ ווילן ניט צו דערלאָזן דעם טריאומף פון מענטשן־פרעסעריי, ווי עס ווערט היינט באַצייכנט דער פאַשיזם.

די פרוי אין אַמעריקע קען אַ סך טאָן צו העלפן דעם קאַמף פון דער שפּאַנישער פרוי — אונזער שוועסטער. די אַמעריקאַנער פרויען האָבן אַ סך בייגעשטייערט, אַרבעטנדיק פאַר דער „ליג פאַר שפּאַנישער דעמאָקראַטיע”, וועלכע שיקט קיין שפּאַניע קליידער, פּראָדוקטן, מעדיצין, אַמבולאַנסן, דאָקטוירים און נוירסעס.

איינע אַזאַ נוירס, מיס לינאַ פור, איז געקומען צוריק נאָך דעם ווי זי האָט 4 חדשים געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל אין מאַדריד. זי האָט דאָרטן געאַרבעט בשעת די פאַשיסטן האָבן באָמבאַדירט די שטאָט אין משך פון גאַנצע 4 חדשים. זי האָט דערקלערט, אַז אין איר גאַנצן לעבן האָט זי ניט געאַרבעט מיט אַזאַ ליבשאַפט ווי אין שפּאַניע. די פאַרוואונדעטע רייסן זיך פון שפּיטאָל צוריק אַפן פראָנט. „מיר וועלן זיי פאַרטרייבן!” — איז דער לאָזונג.

אַ גרויסע אויפגאַבע ליגט פאַר אונז, פרויען. „מיר קענען בלויז פאַרלירן אונזערע קייטן, געווינען וועלן מיר — אַ פרייע וועלט.”

ווערט אַ מיטגליד פון

קאָאָפּעראַטיוון פאָלקס-פאַרלאַג!

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן (אידישע סעקציע) האָט אָרגאַניזירט אַ גרויסן קאָאָפּעראַטיוון פאָלקס-פאַרלאַג. דער פאַרלאַג פּלאַנירט אַרויסצוגעבן 12 ביכער אַ יאָר (זעקס וויסנשאַפטלעכע און זעקס בעלעטריסטישע).

דער פאָלקס-פאַרלאַג איז געגרינדעט געוואָרן, כדי צו שאַפן אַ מעגלעכקייט אַז די ברייטע מאַסן אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס זאָלן בכח זיין צו קריגן די נויטיקע ביכער פאַרן ביליקסטן פּרייז.

פּריווילעגיעס פאַר מיטגלידער:

1) דער מיטגליד קריגט איינעם פון די צוויי ביכער: א. ראַבאָי'ס „ניין ברידער", 316 זייטן, פּראַכטפול געבונדן, אָדער קלמן מרמר'ס „קלאַסנקאַמפן אין אַלטערטום", 432 זייטן, דע-לוקס געבונדן — אינגאַנצן פריי.

2) דער מיטגליד איז באַרעכטיקט צו קריגן יעדעס בוך, וואָס דער קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג וועט אַרויסגעבן אין פאַרלויף פון צוויי יאָר, פאַר האַלב פון דעם אָריגינעלן פּרייז.

3) צום סוף פון די צוויי יאָר האָט דער מיטגליד אַ רעכט אָפּצונעמען די $2.00, אָדער איינקויפן זיך ביכער אין דעם קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג פאַר האַלב פון די פּרייזן, אָדער באַנייען זיין מיטגליד-קאַרטל אויף נאָך צוויי יאָר, וואָס דאָס וועט אים געבן די זעלבע פּריווילעגיעס וואָס אין די ערשטע צוויי יאָר, אָנהויבנדיק פון אַ פרייען בוך ביז אַלע אַנדערע פּריווילעגיעס וואָס זיינען אויסגערעכנט אין די דריי פונקטן.